STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03974

DI FERBLONDZETE (DI MESHUMEDES'TE)

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די פֿערבלאָנדזעטע.

(די מְשומֶדֶת'טֶע)

ערצעהלונג

אויס דעם לעבען פון יודישע פערפירטע טעכטער

אין די קלויסטערס און מאנאסטירען

פון

מ. ספעקטאָר.

ווארשא תרע"א.

דרוק „הצפירה" פאנסקא 40.

ВАРШАВА 1911.

Типографія „Гацефира", Панская 40.

ערשטעס קאפיטעל.

דער שרעקליכער וועג.

דער וועג, וועלכער ציהט זיך פון דער יודישער שטאדט קא—ו ביז צו דער קליינער באהן-סטאנציע, שנייט זיך דורך דעם אלטען געדיכטען וואלד, וועלכען די דארטיגע בעפעלקערונג רופט „דער ווילדער וואלד“ און ער ציהט זיך עטליכע ווארסט אין דער לענג און אין דער ברייט.

וועגען דעם „ווילדען וואלד“ דערצעהלט מען פון אלטע צייטען אן שרעקליכע מעשות, אז דא האלטען זיך אויף אלערליי ווילדע חיות און גאנצע סטאדעס וועלף, און חאטש אין די יעצטיגע צייטען האט קיינער קיין ווילדע חיה אין דעם וואלד ניט געזעהען, אויסער ווינטער-צייט, ווען עס פלעגט דורכשפרינגען א האז איבער דעם וועג, דאך האט יעדער געגלויבט, אז דער וואלד איז פול מיט נעסטען פון אלערליי ווילדע חיות.

מען דערצעהלט אויך, אז דא האלטען זיך אויף גזלנים, גנבים און גאנצע טאבארען מיט ציגיינער, וועלכע פאלען אן אויף די דורכפאהרער.

אין די לאנגע ווינטער נעכט, וועט קיין בעל-עגלה אליין דעם וואלד ניט דורכפאהרען נאר זיי ווארטען איינער אויף דעם צווייטען ביי דער ערשטער קרעטשמע און קלויבען זיך צוזאמען קאמפאניעס-ווייז, אום זיכערער דורכצופאהרען דעם וואלד.

און ווען זיי פֿאָהרען דורכ'ן וואַלד, הערט זיך די גאַנצע צייט פּייפֿען און אויסגעשרייען פֿון איין בעל-עגלה צום אַנדערען, כדי די בעהאַלטענע איינוואָהנער אין וואַלד זאָלען מיינען, אַז דאָ פֿאָהרען גאַנצע מחנות מענשען, וועלכע האָבען קיין מורא ניט פֿאַר קיין שום גזלנים, און די חיות-רעות מיט די וועלף זאָלען זיך פֿון די פּייפֿען און געשרייען דערשרעקען און אַנטלויפֿען פֿון וועג טיעף צו זיך אין זייערע נאָרעס.

אַזאַ שם-רע האָט געהאַט פֿון לאַנגע יאָהרען דער „ווילדער וואַלד", וועלכען מען האָט ניט געקענט אויסמיידען פֿאָהרענדיג פֿון דער שטאָדט קאָ—ווּ ביז דער קליינער באַהן-סטאַנציע.

אין דער היינטיגער נאַכט, ווען אונזער ראָמאַן הויבט זיך אָן, האָט אויף דעם גאַנצען וועג געהערשט אַ טויט-שטילקייט, ווי גלייך אַלע מענשען, בהמות און חיות זענען אין דעם געגענד אויסגעשטאָרבען און עס האָט אויפגעהערט דאָס לעבען.

אין דער דאָזיגער נאַכט-שטילקייט האָט זיך אויף דעם וועג פּלוצים באַוויזען איין בריטשקע, געשפּאַנט מיט צוויי פֿערד, וואו אויסער אַ אָנטרייבער, זענען געזעסען צוויי פּערזאָן. איינער אַ יונגער מאַן מיט אַן אָפֿען געזונד פּנים און נעבען איהם אַ יונג מיידעל. איינגעוויקעלט אין אַ שוואַרצען גרויסען מאַנטעל ניט אויף איהר מאָס געניידט. דער קאָפּ איז אויך אין עפּעס געווען פֿערוויקעלט, און מען האָט נאָר געקאָנט אַרויסזעהען אַ פּאָר שוואַרצע גלאַנצענדע אויגען, וועלכע האָבען אין דער נאַכט געבלישטשעט מיט אַ באַזונדער שענעם אונגעוועהנליכען קאָליער.

— איך קען דיך שוין זייט אַ פּאָר יאָהר—רופֿט זיך אָן דער יונגערמאַן—נאָר איך האָב קיין מאָל

דיינע אויגען ניט געזעהען אזוי שען ווי איצטער. איך האב ערשט איצטער בעמערקט, אז אזעלכע שענע אויגען ווי דו פערמאגסט, זעהען ביינאכט אוים שענער ווי ביטאג, עכטע ריינע ברילליאנטען בלישטען אויך ביינאכט זייערע שפילענדיגע קאליר־רען.

דאס ־גע מיידעל האט ניט געענטפערט, קיין איינציג ווארט ניט ארויסגעלאזט פון מויל.

— דו ציטערסט... ס׳איז דיר קאלט... האט ער זיך אנגערופען מיט א אונרוהיגע שטימע—איך וועל דיך צודעקען מיט מיין מאנטעל.

— עס איז מיר ניט קאלט... נאר איך ציטער: עס קלאפט מיר א צאהן אין א צאהן—האט זי קוים ארויסגערעדט.

— נארעלע, וואס שרעקסטו זיך? דו ביזט זיך דאך נאך גאר א קינד. האסט אודאי מורא פאר דעם „ווילדען וואלד“, וואס מיר דארפען באלד דורכפאה־רען אליין אהן קאמפאניעם? האב קיין מורא ניט, עס איז ניטא וואס זיך צו שרעקען. נאר דערשראקענע יודען האבען מורא, אונזערע ברידער לאכען זיך אוים פון אזעלכע בבא מעשות, ווען אפילו מען זאל זיך אליין געפינען אין טיעפען וואלד.

די איינגעוויקעלטע אין מאנטעל, האט ניט אויפגעהערט צו ציטערען.

— זעה נאר וואס פאר א שענע ליכטיגע און ניט קיין קאלטע נאכט, כמעט א זומערדיגע נאכט. ס׳איז דאך איצט אזוי גוט און אנגענעהם, א זעלטע־נער פערגעניגען איצטער צו פאהרען: דו האסט דאך אליין אויך געוואלט פאהרען...

— יא... איך וויים אליין ניט וואס איך האב געוואלט... עפעס א בעזונדער קראפט האט מיך

געטראָגען... נאָר צו וואָס גראַדע אין אַזאַ שרעקליכע מוראָ'דיגע נאַכט?...

— אַ שרעקליכע נאַכט, אַ מוראָ'דיגע, זאָגסטו? מיט וואָס איז זי שרעקליך? איך האָב נאָך אַזאַ שענע נאַכט שוין לאַנג ניט געזעהען.

— דו ווייסט, וואָס היינטיגע נאַכט איז ביי אונז?

— האָט זי זיך ווידער אָנגערופען.

— פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען?... נאָר צו וואָס דאַרפסטו וויסען וואָס טהוט זיך ביי אייך? דו ביזט זיי שוין אַ ווילד פרעמדע...

פון די אונערוואַרטעטע ווערטער האָט זיך איהר מיט אַמאָל ווי עפּעס אָבגעריסען אין האַרצען. און זי האָט ווייטער ניט אויפגעהערט צו רעדען.

— דו ווייסט, אַז היינט איז ביי אונז יום כפור ביינאַכט... אַלע קינד און קייט, געפינען זיך איצטער אין שול...

— נו איז וואָס, אַז ס'איז יום כפור?... וואָס דען האָסטו געוואָלט? ווען מיר זאָלען אין איין אַנדער נאַכט געוועזען ענטלויפען, וואָלטען אונז אַלע בעלי־עגלות מיט די ק—ווער יודען בעגעגענט און מען וואָלט אונז צוריק געפיהרט מיט אַ פּאַראַד מיט אַ צערעמאָניע, און געמאַכט צוליעב אונז אי־לומינאַציע אין שטאָדט... מילא איך,—איך, וואָס האָב איך מורא? זאָלען זיי נאָר פּרוּווען (דערביי האָט ער געמאַכט מיט'ן פויסט אין דער לופטען) איך וואָלט זיך שוין אָבגערעכענט מיט זיי פאַר מיר און פאַר דיר. אָבער מיט דיר וואָס וואָלט געוואָרען, ווען מען ברענגט דיך איצטער צוריק אין שטאָדט?

— אָ, וואָס פאַר אַ בזיון וואָלט איך בעדאַרפט איבערלעבען!—האָט זי מיט שרעק געזאָגט, פער־מאַכענדיג די אויגען מיט איהרע צוויי ווייסע שענע קליינע הענדטליך.

— וואָס בזיון? בזיון איז נאָך ווייניג, בזיון געהט־איבער און עס פערהיילט זיך, נאָר מען וואָלט דיך אויסגעטהון נאַקעט, מען וואָלט דיין לייב אויסגעשמירט מיט סמאָלע, דיינע שענע האָר וואָלט מען אויך אויסגעשמירט מיט סמאָלע—אום זיי זאָלען אויסזעהען ווי קליאָמשע, די זאָלסט זיי ניט קענען צו קעמען און פלעכטען. איין אויג וואָלט מען דיר אַרויסנעהמען... עס וועט קומען דער רב מיט יודען מיט שטעקענס אין די הענד און מען וועט דיך שלאָגען... מען וואָלט...

— גענוג, גענוג, איך וויל מעהר ניט הערען! האָט זי כמעט אויסגעשריען און אָנגעהויבען נאָך מעהר וויקלען און בעהאַלטען זיך אין דעם גרויסען שוואַרצען מאַנטעל.

— לודוויג! דער וואַלד וועט זיך נאָך ציהען לאַנג? האָט זי איהם געפרעגט און דאָס ערשטע מאָל איהם אָנגערופען ביים נאָמען.

— באַלד, באַלד, מאַניאַ! — האָט ער זי בערוהיגט.

נאָר דער דאָזיגער „באַלד, באַלד" האָט זיך ביי מאַניאַ'ן געצויגען לענגער ווי יאָהרען.

— וואוהין פאָהרען מיר, לודוויג?

און ווידער האָט מאַניאַ אַ ציטער געטהון...

— נאָך האַלבער נאַכט וועלען מיר זיין אויף דעם אָרט. מען וואַרט שוין דאָרט אויף אונז...

נאָך ווידער האָט מאַניאַ אַ ציטער געטהון.

צווייטעם קאפיטעל.

די סודות פון דער נאכט

אין דער נאכט-שטילקייט האט זיך די בריטשקע געקאטשעט איבער דעם גלייכען וועג. יעדער טריט פון די פערד האט זיך דייטליך געהערט; מען האט זיי געקאנט איבערצעהלען.

די אלטע ביימער האבען מורא'דיג געקוקט פון ביידע זייטען וועג. מינוטען-ווייז האבען זיך די בלעטער גרינג געוויעגט און מיט זייער בעוועגונג געשטערט די גרויסע שטילקייט פון דער נאכט.

— לודוויג, דו הערסט? האט זיך מצניע א ציטערדיגע אחאפ געטהון פון איהר ארט.

— איך הער גאר ניט. וואס איז מיט דיר?

— דאכט זיך מיר, אז דא נאהענט דאוועגען ערגעץ יודען, זיי זינגען כל נדרי, דו הערסט— זיי וויינען...

— עס ווייזט זיך דיר נאר אויס. ווי קומט אהער א שול מיט יודען און ווייבער? מיר זענען דאך אין וואלד.

— אין וואלד וואהנען דאך אויך מענשען... דאוועגען זיי, ס'איז דאך היינט יום-כפור ביינאכט.

— וואס פאלט דיר איין אזעלכע געדאנקען? מען האט דיר דערצעהלט, אז דא וואהנען גזלנים און גנבים און דו גלויבסט, נארעלע!

— גזלנים און גנבים דאווענען אויך יום-כפור ביינאכט. דו קענסט דאך לייבקע דעם רוישען, וואס וואהנט ביי אונז אין שטאדט, א גאנץ יאהר פארט ער ארום מיט א קאמפאניע איבער

די דערפער און ירדים און מען גנב'ט פערד, האב איך אליין געזעהן ווי יום-כפור קומט ער אין שול, דאווענט, וויינט און בעט גאט, ער זאל איהם מוחל זיין אויף זיינע גרויסע זינד. יא, לודוויג, יום-כפור איז אזא טאג, וואס גאט איז יעדען מוחל, ווען מען בעט איהם גוט. יום-כפור געהען אלע אין שול אריין, און דעם טאג זינדיגט קיינער ניט. די שלעכטע מענשען וואס וואהנען אין וואלד און פערנעהמען זיך א גאנץ יאהר מיט רויבעריי אויף דעם וועג, דאווענען און בעטען איצטער אויך גאט, ער זאל זיי פערגעבען זייערע זינד. א פיש אין וואסער, זאגט מען, ציטערט אויך אין דער היינטיגער יום-כפור'דיגער נאכט, נאר איך, איך בין איצטער די גרעסטע זינדיגע. פאר וואס האבען מיר אויסגעקליבען די היינטיגע נאכט?...

מאניא האט זיך צעוויינט. לודוויג האט א דערשראקענער זי אנגעהויבען בערוהיגען מיט ווייכע און גוטע רייד.

— ווי נאריש די ביזט! צו וואס רעדסטו איצטער גאר פון יודישען יום-כפור? וואס געהערסטו זיך איצטער אן מיט דעם אלעם? די ביזט שוין באלד ניט זייערע. די ביזט ניט נאר היינטיגע נאכט אן זינדיגע, נאר דיין גאנץ לעבען ביזטו געוועזען א זינדיגע, אבער באלד, באלד וועט מען אראבנעהמען פון דיר אלע זינד און דיין זינדיגע נשמה, וועט ווערען לויטער, ווי גלייך די ביזט נאר-וואס געבארען געווארען אויף דער וועלט. אט וועסטו זעהען, ווען איך וועל דיר בעקענען מיט דער „שוועסטער" אירינא. זי איז אזא גוטע, א געלערענטע, א פרומע, די וועסט זי באלד ליעב בעקומען.

— זי וועט דיר אויך גיך ליעב בעקומען—

האָט ער ווײַטער זי געטרייסט,—דו ביזט אַ גלויבינגע, זי האָט זעהר ליעב גלויבינגע. און מיר וועלען נאָך זײַן גליקליך, דו וועסט זעהען.

לודוויג האָט געוואַרט, זי זאָל איהם ענטפֿערען, נאָר זי האָט געשוויגען, קיין איינציג וואָרט פֿון מויל ניט אַרויסגעלאָזט.

— פֿאַר וואָס שווײַגסטו, מאַניאַ? קיין וואָרט ענטפֿערסטו מיר ניט.

נאָר אַנשטאָט אַן'ענטפֿער האָט זי אָנגעהויבען שטיל צו וויינען.

ער האָט זי אָבגעלאָזט, מעהר ניט גערעדט, ביז זי וועט זיך בערוהיגען.

אין דער שטילקייט האָט זיך ווידער געהערט דאָס גרינגע רוישען פֿון די בוימער אין וואַלד און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיי גיבען איבער איינס דעם אַנדערען די סודות פֿון דער נאַכט.

לודוויג האָט אונטערגעטריבען דעם פֿורמאַן, ער זאָל ניט דרעמלען און גיכער פֿאָהרען.

פּלוצלונג האָט מאַניאַ מיט גרויס שרעק און ציטערניש זיך אויפֿגעהויבען פֿון איהר אָרט און ניט מיט איהר קול האָט זי פֿערדומפּען אויסגעשריען:

— לודוויג, דו הערסט?—מען פֿאָהרט אונז נאָך... לאָמיר אַרײַן אין וואַלד—און זי איז שוין גרייט געווען אַראָבצושפּרינגען פֿון וואָגען.

— גאָט איז מיט דיר, דו וועסט דאָך מיך משוגע מאַכען! ווער לויפֿט דיר נאָך? האָסט געזעהן אַמאָל אַ יודען פֿאָהרען אום יום-כפור? אַלע דייערע קינדער זאָלען פֿון זיי צו אונז ענטלויפֿען, וועלען זיי יום-כפור ניט נאָכלויפֿען,—האָט לודוויג צולאַכט, און שפּעטער נאָך יום-כפור?—טע.

ניט, טע! וואו וועלען מיר שוין דענסטמאל אנ־שפארען! מיט הונדערט ליכט וועט מען דיך שוין ניט געפינען.

— אבער, לודוויג, מען פאהרט דאך נאך אונז, דו הערסט?

— איך הער גארניט. דו שרעקסט זיך, דאכט זיך דיר אלעס אויס. דא הערסטו דאהיעגען אין וואלד, חא, חא, און דא דאכט זיך דיר אויס, אז עס לויפען דיר נאך הונדערטער רייטער. קיין קא־כאוועס ניט! — מיינסט אין דער אמת'ן, אז דיינע עלטערען יארגען זיך איצטער שטארק פאר דיר? עס פעהלט זיי אודאי קינדער! זיי וועלען דיך ביי ווי סיי צוריק ניט אריינלאזען אין שטוב. נאכ־לויפען וועלען זיי דיר! און נאך יום כפור, חא, חא!

— לאך ניט, לודוויג, דיין געלעכטער שמעקט מיך, רעד מיר ניט וועגען מיינע עלטערען. זיי זענען מיר טייער און איך בין ביי זיי טייער. זיי וואלטען מיר מוחל געוועזען, ווען איך זאל נאר קומען צו זיי.

— זיי האלטען דיך גיכער געוואלט געפינען א טויטע, איידער א לעבעדיגע.

— הער־אויף צו רעדען לודוויג, קיין ווארט זאל איך מעהר ניט הערען וועגען דעם פון דיר.

דער וועג האט אנגעהויבען העלער ווערען, א פרייען לויטערען הימעל, האט זי זיך אביסעל לויטערער הימעל מיט דער שפאצירענדיגער יונגער לבנה האט וואס אמאל מעהר בעלויכטען דעם וועג.

מאניא האט א גרינגען זיפץ געטהון. בעפריי־ענדיג זיך פון די מרה־שחורה'דיגע געדיכטע בוימער און דערזעהנדיג פאר זיך אונענדליכע פעלדער אין א פרייען לויטערע הימעל, האט זי זיך אביסעל בערוהיגט.

פון דערווייטענס האט געבלישטשעט א פאר

פֿײַערלעך און וואָס ווײַטער מען איז געפֿאָהרען, האָט זיך די צאָהל פֿײַערלעך פֿערמעהרט.

לודוויגען האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אין האַרצען. ער בעדאַרף דאָ דורכפֿאָרען דאָס קלײנע יודישע שטעדטיל צ—ן, וואו פֿיעל קענען מאַניאַ'ס עלטערען, און זי אָפּשר אויך. מיט דעם איז ער אַפילו געווען רוהיג, ווײַל מאַניאַ איז געווען געוויס פֿערוויקעלט מען זאָל זי אין דער נאַכט דערקענען. דעם פֿוהרמאַן, וועלכער ווייסט וואָס פֿאַר אַ פּאַרשוין ער פֿיהרט, וועט ער אָנזאָגען, זיך ניט אָבשטעלען און גיכער דורכלויפֿען דאָס שטעדטיל. ער האָט זיך אָבער בעאונרוהיגט וועגען מאַניאַן זעלבסט, ער איז נאָך פֿאָלקאָמען ניט זיכער געוועזען מיט איהר. האָט ער דען געקענט זיך פֿאָרשטעלען, אַז ער זאָל האָבען מיט איהר אַזאַ ביטערען וועג ווי שרעק, טרערען, און ווײנען? ער האָט גערעכענט, אַז דער וועג וועט זײַן פֿאַר זיי אַ שענער שפּאַציער.

— אָט דאָס קלײנע מײדעלע מיט די שוואַרצע אויגען, אָט די שענע מאַניאַ מיט איהר שטאַרקען ווילען און איהר שוואַך, ווייך ווײַבעריש הערצעל, קען נאָך אַרויסוואַרפֿען אַזעלכע שטיקלעך, וואָס מען קען ניט ערוואַרטען. מען טאָר זיך ניט פֿערלאָזען אויף אַ יודישע, ווען זי איז נאָך זינדיג.

לודוויג האָט זיך צוגעגרייט, ער האָט אָנגעזאָגט דעם פֿוהרמאַן, זיך ניט אָבשטעלען און גלייך איבערפֿאָהרען דאָס שטעדטיל, אָבער ניט צו פֿיעל לויפֿענדיג, מען זאָל ניט בעמערקען, אַז מען פֿאָהרט מיט אַ אונגעוועהנליכע גיכקייט.

און ביי זיך האָט ער פֿעסט בעשלאָסען, אַז אויף דעם פֿאַל, ווען עס קומט עפּעס פֿאַר אין שטעדטיל, זאָל ער זי אַ לעבעדיגע ניט אַרויסלאָזען, מאַניאַ איז צו שען, צו ריי־

צענד און די גרויסע מצוה פון ריינינגען איהר נשמה, האט ער שוין לאנג דער „שוועסטער" אירינא צוגעזאגט. ער געדענקט איהרע ווערטער: אז ווען א מענש טהוט איין מאל אין לעבען אזא מצוה ווי צו ראטעווען א זינדיגע נשמה, ווערען אלע זיינע זינד פערגעבען.

מאניא, אנקומענדיג נעהנטער צום שטעדטיל, האט אויך געבעטען לודוויגען, אז מען זאל זיך ניט אבשטעלען און גלייך פאהרען, און ער האט זיך וועגען מאניע'ן בערוהיגט.

דאך האט ער זיך געשראקען און געטראכט:

אפשר ווייסט מען שוין אין שטעדטיל וועגען מאניע'ס אנטלויפען און דאס גאנצע שטעדטיל מיט יודען וועלען זיי בעגעגענען מיט שטעקענס און דראנגעס און זיי שלאגען ביז צום טויט.

לודוויג האט זיך גענוג אנגעהערט און אנגעליינט אין ביכער פון גיסטליכע וועגען יודישע אכזריות.

ער האט מאניע'ן ניט איבערגעגעבען זיינע יעצטיגע אונרוהיגע געדאנקען, מורא האבענדיג, אז זי וועט עס ניט איבערטראגען.

און שווייגענדיג און אין גרויס ציטערניש האט לודוויג זיך דערגעהנט צום שטעדטיל.

ווען מען קומט אריין אין שטעדטיל צו־פאהרט מען פערביי די ערשטע געביידע וואס נאך דעם בריקעל, די באד און נעבען איהר אביסעל בארג־ארויף געפינען זיך ווי אויסגעשיט, אהן א פלאן, די שוהל, דאס גרויסע בית המדרש און עטליכע קלייזלעך און שטיבלעך.

זיי זענען אלע איצטער בעלויכטען מיט הונדערטער ליכט און אזוי געפאקט מיט דאוונער אין ווייסע קיטלען און אהן קיטלען, אז כמעט נאך א

מאָל אזאַ גרויסער עולם שטעהט אין די פּאָלישען און אויף דער גאַס און הערט פון דערווייטענס דאָס זינגען פון די חזנים מיט די משוררים.

די בעקאַנטע יום־כפור'דיגע נגונים האָט מאַניאַ נאָך דערהערט פון דער ווייטענס, ווען זיי זענען איבערגעפאָהרען דאָס בריקעל. די העלע בע־ליכטונג פון די בתי מדרשים האָט איהר אָנגע־הויבען בלענדען אין די אויגען און דאָס זיסע־טרויריגע זינגען פון די חזנים מיט די משוררים האָבען איהר ווי מיט מעסערס געשניטען אין הארצען.

זי האָט ניט אויסגעהאַלטען... און האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און געוואָלט אַראָבשפּרינגען פון וואָגען, נאָר לודוויג, וואָס האָט פון איהר ניט אַראָנגעלאָזט קיין אויג, האָט זי מיט זיין שטאַרקע האַנד ווי מיט איין אייזערנע רינג אַרומגענומען און זי צוגעשמידט ווי מיט קייטען צו איהר אָרט.

— דו ווילסט אונז ביידע אומגליקליך מאַכען. איך וועל ניט דערלאָזען, עס מעג מיך קאָסטען מיין לעבען. — האָט ער פּעכט און מיט כעס געזאָגט.

די שטימע פון די חזנים און משוררים, דאָס נאָכזינגען פון עולם דעם חזן, האָט ניט אויפגעהערט מאַניאַן צו קלינגען אין די אויערען און זי איז ווי געפאַלען אין אָנמאַכט, האָט עפּעס געזאָגט אַ פּאָר יודישע ווערטער, וועלכע לודוויג האָט ניט פער־שטאַנען און פאַר וועלכע ער האָט זיך דערשראָקען: אפשר רופט זי די יודען זיי זאָלען איהר העלפען ענטלויפען פון מיר.

זיי זענען שוין געוועזען פון יענער זייט שטעדטיל און מעהר ווי גוישע קליינע שטיבלעך מיט פעלדער האָט מען ניט געזעהן.

און קיין איינציג פענסטערל האט זיך ניט
געלויכטען, אלעס איז ארום און געשלאפען.

— יאן! — האט זיך פלוצים לודוויג געווענ=
דעט צום פוהרמאן ווי צו זיין גלייכען, — דו זעהסט,
ווי אונזער מאניא פיהלט זיך שלעכט, זי איז
בלאס, זי ריהרט קיים מיט די ליפען. מען מוז דא
געפינען א בעקאנטע קריסטליך הויז.

— שוין זשע, לודוויג, האסטו פערגעסען, אז
דא הינטערן וועלדעל וועט אויף אונז ווארטען
דער „פאפא מעלניק“...

— פון דעם היינטיגען פערשאלטענעם וועג
האב איך אן אלעס פערגעסען ווי אן אלדעם בעז.
לויט ווי די שוועסטער האט געשריבען, דארף
ער טאקע דא ווארטען. גענוג דערוויל פון מיינעט
וועגען, ער מעג אויך א חלק האבען אין דער מצוה.

— דו האסט פערגעסען, אבער איך האב ניט
פערגעסען, — האט דער פוהרמאן געזאגט און האט
אויף גיך פערקערעוועט אויף א זייטיגען שמאלען
וועג, וואו די בריטשקע מיט די נאכטיגע פאר=
שוינען זענען פערשוואונדען געווארען הינטער דעם
וועלדעל...

דריטעס קאפיטעל.

דאס גרויסע אבקומעניש.

יום כפור אין דער פריה. שטיל איז אויף די געסלעך פון שטעדטיל קא—וו, נאר ניט פערקעמטע, ניט אבגעוואשענע מיידלעך דרעהען זיך ארום, פון גאר ניט האבען וואס צו טהון. זיי דרעהען זיך ארום יעדע פאר איהר טהיר, מיט טרויעריגע געזיכטער.

די איבעריגע איינוואהנער פון די קא—ווער הייזער און הייזלעך, מאנסבילען, ווייבער און יונגלעך, געפינען זיך איצטער אין די שולען און אין די בתי מדרשים, וואו זיי זענען אוועק גאנץ פריה. נאר גאר קליינע קינדער מיט די מיידלעך זענען געבליבען

די פריהמארגענדיגע זון שיינט ליעבלעך און יום טובדיג, און אין דער אנגענעהמער שטילקייט יום טוב פיהלט זיך עפעס, אז דער היינטיגער טאג איז ניט קיין געוועהנליכער, עפעס א בעזונדערער טאג, א טאג אויף וועלכען דאס גאנצע יודישע פאלק אויף דער גאנצער וועלט, ווארט א גאנץ יאהר.

א שווערער נאר דאך א ליעבער אנגענעמער טאג.

עס איז א מחיה צו זיצען ביי דער טהיר און קוקען אין דעם שענעם דרויסען.

זיצענדיג אדער שפאצירענדיג יעדער ביי זיין טהיר, רעדען זיך איבער די מעדלעך איינס מיט דעם צווייטען.

— ווען איז דיין מאמע אוועק אין שוהל?

— גאַנץ פֿריה. ווען איך האָב זיך אויפֿגע־פּאַפּט, איז שוין בײַ אונז קײנער ניט געוועזען.

— האָסט שוין געגעבען עפּעס די קינדערע עסען?

— די מעגען נאָך אַביסעל וואַרטען, עס איז דאָך פֿאָרט יום כפור, מעגען זײ צוהונגערען.

— דו ביזט שוין הונגעריג?

— שוין אַזוי פֿריה? און וואָס וועלען מיר טהון אַ גאַנצען טאָג, עס וועט נאָך זײן צײַט צו הונגערען.

— בײַ מיר מאַכט דאָס פֿאַסטען גאָר־ניט אויס.

— איצטער ביזטו אַ בריה, ווען עס הונגערט דיך ניט. מיר וועלען זעהן, וואָס דו וועסט שפּע־טער זאָגען.

אין מיטען רוהיגען שמועס, הערט זיך פּלוצ־לונג אַ רעש אין עק גאַס אויף דעם משופּע'דיגען באַרג, וואו די שוהל מיט די בתי מדרשים גע־פֿינען זיך.

די מײדלעך כאַפּען זיך אויף מיט שרעק פֿון זײערע ערטער און לאָזען זיך לויפֿען, נאָר באַלד כאַפּען זײ זיך צוריק און שרײַען אײנס צום אַנ־דערען:

— בלײַב דו, מען קאָן די שטוב ניט איבער־לאָזען אַלײן, מען קאָן נאָך בע'גנב'ענען, איך קום באַלד צוריק, וועל איך דיר דערצעהלען.

— נײן, בלײַב דו, איך לויף, איך וועל קו־מען צוריק גיכער פֿון דיר.

די צווײטע האָט אַפֿילו ניט געוואָלט אויס־הערען און איבערלאָזענדיג אויף הפקר די שטוב איז זי ענטלאָפֿען.

— ווארט-אויס, איך וועל דערצעהלען דיין מאמען, וואס דו לאזט איבער די שטוב אויף הפקר.

די ערשטע האט שוין ניט געהערט איהר סטראשען און איז געלאפען אהן אטהעם צוזא-מען מיט פיעל אנדערע, אין דער זייט, וואו די שוהל מיט די בתי מדרשים געפינען זיך.

— וואס איז דארט? האט איינער געפרעגט ביי דעם צווייטען,—עס ברענט, צו וואס?

— וואס פאר ברענען? מען זעהט ניט קיין רויך.

אלע פרעגען לויפענדיג און מען בעקומט ניט קיין ענטפער.

ערשט ביי דער שול, וואו עס איז געשטאנען א גרויסער עולם פון מאנסבילען אין טליתים מיט יארמאלקעס און אין קיטלען, ווייבער מיט פערוויינטע אויגען און אנגעלאפענע מיידלעך מיט קינדער, האט מען געהערט קולות.

— אזא אומגליק, אזא גרויסער אומגליק, א יודיש מיידעל זאל ענטלויפען מיט א שייגעץ אום יום כפור!...

יעדער האט א ציטער געטהון פון דער דא-זיגער שרעקליכער נייעס.

— וואו-זשע זענען זיי? מען האט זיי גע-כאפט?

— איך ווייס ניט,—האט יעדער געענטפערט און געשטופט זיך צווישען עולם.

— מען זאגט, אז מען האט זיי געכאפט.

— וואו-זשע זענען זיי?

— מען פיהרט זיי אין קייטען.

— מיט דעם עטאפ פיהרט מען זיי, אט דא וועט זיין א קאמעדיע, ווען מען וועט זיי בינדען

אויף איין קייטעל ארייַנפיהרען אין שטאָדט אַריין.

— ווער איז ענטלאָפען?

— מיט וועמען איז זי ענטלאָפען?

— די יפהפיה, ר' זעליג שרה'ס טעכטערעל.

— אוי, איך האַלט זיך ביי די זייטען!—אַודאי מיט לודוויג'ן, דעם פעלדשערס זיהנדעל.

— וואָס מיר לודוויג, איך האָב איהם ערשט היינט געזעהן אין שטאָדט.

— וואָס איז דער חילוק, לודוויג צו איין אַנדערער, אַבי מיט אַ שייגעץ.

— ווער האָט ניט געוואוסט, אַז זי וועט סוף כל סוף אַוועק מיט אַ שייגעץ?

— אָבער אום יום כפור?! דאָס איז ניט געהערט געוואָרען.

— דאָס איז אַ געוואַלד, דאָס איז אַ שרעק.

— נו, הייסט עס,—ווערטעלט זיך איינער,— אַז אין דער וואָכען מעג יאָ אַ יודישע טאָכטער ענטלויפען מיט אַ שייגעץ?

— חס ושלום! ווער זאָגט עס? אָבער יום כפור, יום כפור!

— ווען זענען זיי ענטלאָפען?

— מען זאָגט, היינטיגע נאַכט.

— וואָס־זשע האָט מען זיך איצטער געכאַפט?

— מען זאָגט, אַז ר' זעליג איז געוועזען די גאַנצע נאַכט אין שוהל און איהר מאַמע האָט זיך אַזוי אָנגעוויינט אין שוהל, אַז ווען זי איז געקומען אַהיים, איז זי ווי אַ דער'הרג'עטע ענטשלאָפען געוואָרען, זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם טייערען טעכטערעל. ערשט היינט אין דערפריה האָט מען זיך געכאַפט.

— אוי, היינטיגע צייטען טאָר מען אויף אַ מינוט ניט אָבלאָזען דאָס אויג פון די קינדער.

פּלוצים איז צווישען גרויסען עולם געוואָרען שטיל.

קיינער האָט ניט פערשטאַנען דאָס פּלוצלונגדיגע שטילקייט, נאָר באַלד איז יעדען קלאָר געוואָרען, צווישען עולם האָט מען דערזעהן דעם אומגליקליכען פאָטער ר' זעליג שרה'ס מיט זיין ווייב, וועלכע האָט זיך מיט ביידע הענד געקלאַפּט אין קאָפּ. ר' זעליג האָט געקוקט מיט גלעזערנע אויגען ווי פערגליווערט, קיין איינציג וואָרט ניט אַרויסגעלאָזט און זיין ווייב האָט ניט אויפגעהערט צו גוואַלדעווען.

— וואָס-זשע שטעהען מיר, וואָס שווייגען מיר, מיר דאַרפען נאָכלויפען. מיר דאַרפען עפּעס טהון, מען קען דאָך אַזוי ניט שטעהן און שווייגען — אַזאַ בראָך! אַזאַ בריליאַנטען קינד, גאָט און לייט האָבען מיך אויף איהר מקנא געווען. וואָס-זשע שטעהען מיר, זעליג.

אַלע ווייבער מיט די מחזרים אין די הענד, האָבען געוויינט קוקענדיג אויף איהר.

— וואָס-זשע זאָל מען טהון אום יום כפור! האָט ר' זעליג קוים אויסגערעדט. וואָס קענען מיר טהון, חנה?

חנה האָט זיך אויף איהם אַרויסגעוואָרפען.

— און אַז יום כפור איז וואָס? אַ קינד איז ניט קיין וואַסער, אַ קינד איז אייגען בלוט, און נאָך אַזאַ קינד! איך וועל ניט לאָזען, דו הערסט, זעליג? איך וועל ניט לאָזען אַ קינד אַריינפאַלען אין גוישע הענד! איך וועל פאָהרען זי זוכען אום יום כפור. דינג אַ פוהר.

דער עולם האָט אַ קרעכץ געטהון דערהערענדיג פאָהרען אום יום כפור און דער דאָזיגער קרעכץ

האָט זיך ווי אַבעז ווינטעל אַכּרום געטהון אין דער לופט.

— אום יום כפור ?!?.. האָט דער עולם אַרויס־געלאָזט אַ פֿערביטערטען זיפֿץ.

— וואָס זאָגט איהר יודען, צו מעג איך פֿאָה־רען אום יום כפור אַרויסראַטעווען מיין קינד פֿון גוי'שע הענד? האָט חנה ניט אויפֿגעהערט צו שרייען און וויינען.

דער עולם האָט געשוויגען.

— די רבנים אַליין וועלען אונז הייסען פֿאָה־רען!

— וואו איז דער רב? וואו זענען די דיינים? האָט דער עולם אָנגעהויבען רעש'ען.

— צו שאַנד און צו שפּאָט זענען מיר געוואָרען, וואָס שטעהסטו, זעליג, לאָמיר דינגען אַ פֿוהר און נאָכפֿאָהרען.

— מען וועט אונז פֿערשטיינערען, וואָס הייסט פֿאָהרען אום יום כפור, סיידען די רבנים וועלען הייסען.

— איך וועל אַליין פֿאָהרען, האָט חנה גע־שריען ניט מיט איהר קול, איך וועל ניט לאָזען מיין קינד.

פּלוצלונג איז געוואָרען אַ טויט־שטילקייט.

— זיי געהען! זיי געהען! האָט מען זיך געסוד'עט, שאַט, אָט געהען זיי.

און אין דער גרויסער שטילקייט, האָט זיך פֿון דער טהיר פֿון גרויסען בית המדרש בעוויזען דער אַלטער רב מיט אַ זילבערנע יאַרמאָלקע אויף דעם קאָפּ, און אין דעם ווייסען קיטעל; נאָך איהם אַלע דריי דיינים פֿון קאַ—ו. אַ גרויסער טרויער האָט בעדעקט דעם רב'ס צוקנייטשט פּנים, זיין גע־זילבערטע לאַנגע ווייסע באָרד האָט געציטערט,

טרעהרען האָבען זיך איהם בעוויזען אין די אויגען און מיט אַ הארצרייסענדיג ציטעריג קול האָט ער גערופען ר' זעליגען מיט זיין ווייב.

— וואו איז ר' זעליג מיט זיין ווייב? זאָלען זיי צוגעהן צו מיר נעהנטער.

זיי זענען ווי פערשולדיגטע מיט אראָבגע־לאָזטע קעפּ לאנגזאם צוגעגאנגען צו דעם אָרט וואו דער רב מיט די דיינים זענען געשטאנען.

— ר' זעליג! איהר מעגט מיט אייער ווייב פאָהרען, גאָט און כל ישראל וועט אייך מוחל זיין, זאָל אייך גאָט העלפען איהר זאָלט אַרויסראַטעווען אייער קינד פון גוישע הענד, דאָס איז אַ גרויסע מצוה, פערליערט ניט קיין צייט, פאָהרט וואָס גי־כער און זייט מצליח אין אייער וועג.

דער עולם איז דערציטערט געוואָרען דער־הערענדיג ווי דער רב האָט זיי געהייסען פאָהרען אום יום כפור.

ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסען אַ וואָגען מיט צוויי פערד.

מיט אַ שרעקליך געוויין, האָט ר' זעליג אויס־געטהון דעם ווייסען קיטעל און צוזאַמען מיט זיין ווייב זיך אריינגעזעצט אין וואָגען, און ווען די פוהר האָט זיך גערירט, האָט דער גאנצער עולם אויסגעשאָסען מיט אַ שרעקליך געוויין.

— אום יום כפור, אום יום כפור!—אַזאַ גרוי־סער אומגליק, אַזאַ גרויסער גזר האָט זיך אויסגע־גאָסען.

די לופט אין שטעדטיל האָט געציטערט פון דעם דאָזיגען געוויין און די חזנים מיט די דאַווגער האָבען אין דעם יום כפור יאָמערליך געבעטען דעם וואָס לעבט אייביג, ער זאָל מוחל זיין די

גרויסע זינד פון מחלל זיין יום כפור, וועלכע פאלט אויף דער גאנצער שטאדט, ווי א גרויס אבקומעניש.

פיערטעס קאפיטעל.

נאבוועדהעניש'ן.

אבעזונדער וועהטאג און טרויערער האט יעדער געפיהלט. יעמעס האט יעדען געריסען, געצופט דאס הארץ פון וועהטאג, ווי גלייך ביי יעדען איז היינטיגען יום-כפור ענטלאפען געווארען אן אייגען קינד.

מאניא, מאניעטשקא, ווער האט זי ניט געקאנט און ווער האט זי ניט ליעב געהאט!

עפעס האט זי געהאט אין זיך דעם זיעבעטען חן.

ניט קיין הויכע וואוקס, איז איהר פיגור דאך געווען שלאנק, אויסגעגאסען, ווי אויסגעטאקט פון א גרויסען קינסטלער. קויל-שווארצע לאקען האבען אין אונארדנונג געשוועבט אויף איהר שענעם קאפ און ניט איינגעזעסען אויף אן ארט און פון איהר יעדע קלענסטע בעוועגונג האט זיך איהר האר געקרייזעלט אלע מאל אין איין אנדער שענע פארם, וואס האט איהר יעדעס מאל צוגעגעבען א נייעם בעזונדערען חן.

בעת רעדען פלעגען זיך איהרע שענע קליינע ווייסע הענדטליך אלע מינוט בעווייזען אויף דעם קאפ אויסצוגלייכען איהרע האר. זיי זאלען איינליגען אויף אן ארט, ניט פאלען איבער דעם געזיכט און פערדעקען ווי מיט א דינעם, שווארצען

ווײַדענעם טול, איהרע שוואַרצע לעבעדיגע אויגען, נאָר איהרע לאָקען פלעגען קיינמאָל ניט פאָלגען און שטענדיג זיך שפּיעלען און טאַנצען איבער איהר קלאָר ווײַס געזיכט.

ניט קוקענדיג אויף איהרע צוואַנציג יאָהר, האָט איהר געזיכט שטענדיג געשפּריצט מיט קינדערשען חן: איהר קליין מײַלעכעל, די צוויי גלײַכע שורות צייהן, מיט די חן־גריבעלעך צוזאַמען מיט איהרע לאָקען, האָט דערמאַנט אַ געזיכט פון די שענע קינדער, וועלכעס ציהט און מאַכט פרעהליך און לעבט־אויף יעדעם האַרץ פון אַלט ביז יונג.

און ווען מען זאָל צו מאַניאַ'ס אַקסלען צוטשעפּען זילבערנע פליגעלעך, וואָלט מען געקאָנט פון איהר מאָלען די מלאכ'לעך, די פרעהליכע און ליבע „אַמורטשיקעס", וועלכע מען זעהט געמאָלט אויף בילדער, ווי זיי פליהען צווישען די וואָלקענס, פון וועלכע זיי קוקען אויף אײַך מיט גרויסע קײַלעכדיגע קינדערשע ציקאַווע אויגען.

אַלע האָבען מאַניאַן ליעב געהאַט ווי אַ שען גוט קינד, אַלע האָבען זי בעדויערט און בײַ יעדען האָט דאָס האַרץ געבלוטיגט אויף דעם גרויסען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען איהרע עלטערען. נאָר צוויי האָבען בעהאַלטען אין די הערצער זיך געפרייט מיט יענעמס אומגליק.

דאָס זענען געווען די „מאַדאַם" שערמאַן מיט איהר טעכטער'ל קלאַראַ.

צום ערשטען אויסנעהמעס ווען די ווײַבער זענען אַרויס פון דער שול און פון די בתי מדרשים, זיך אָפּרוהען אַביסעל אויף דער גאַס און וואַרטען ביז מוסף, האָט זיך די מאַדאַם שערמאַן מיט איהר טעכטער'ל זיך אויך געפונען צווי-

שוין די ווייבער, וועלכע האבען ניט אויפגעהערט צו רעדען וועגען מאניעטשקע מיט איהרע אום-גליקליכע עלטערען.

די מאדאם שערמאן אלס די גרעסטע גבירטע פון שטעדטיל האבען די ווייבער ארומגערינגעלט, הערען וואס זאגט זי עפעס דערויף. די מאדאם שערמאן איז דאך ניט א יודענע פון אונטערען אוי-בען, מאדאם שערמאן איז די איינציגע אין שטעד-טיל, וואס פאהרט יעדעס יאהר קיין אויסלאנד, זעהט זיך אן מיט א וועלט מענשען.

און מאדאם שערמאן, א הויכע דיקע פונפ-ציג-יעהריגע יודענע, שטעהט צווישען די ווייבער און רעדט מיט א געמאכט רחמנות פנים.

— אזא אומגליק זאל אין קיין יודישער שטוב ניט טרעפען! א גרויס רחמנות אויף די עלטערען, ארענטליכע מענשען. דאס טייערע טעכטעריל זייערס איז ווערט דעם שטעקען און דעם אמת געזאגט, האב איך אויף איהר קיין רחמנות ניט, זי איז געוועזען א משומדת'טע נאך ביי דער מאמען אין בויך. זי האט גאר ניט גע-וואוסט, וואס צו טהון מיט איהר שען פענעצעל. געקראכען יעדען אין די אויגען. און אז איהר ווילט גאר, זענען די עלטערען אויך שולדיג, וואס האט אזא קבצנ'ס א טאכטער צו קריכען צווישען קריסטליכע געזעלשאפט? אט שטעהט דא מיין קלא-רעטשקע, מאלט אייך, אז זי ווייסט זיך בעסער ווי אויפצופיהרען אין געזעלשאפט. וויפיעל מאל איז זי שוין געוועזען מיט מיר אין אויסלאנד, מאלט אייך, אז דארטען געפינט זיך עפעס א לייטישערע געזעלשאפט. אין קארלסבאד קומען צופאהרען גראפען מיט פירשטען און מיין קלארעטשקע איז אומעטום געוועזען און „ברוך השם" זיך ניט גע-

האט מיט איהר וואס צו שעמען. איך מיט מיין טאכטער האבען אין קארלסבאד אמאל בעגעגענט שפאצירען דעם עסטרייכישען קייזער פראנץ-יאזעף און נאך פיעל פרינצען מיט פרינצעסעס, פון אלע עקען וועלט קומט מען דאך אהין. אפילו דער ענגלישער קעניג געהט זיך דארט ארום אזוי פראסט געקליידעט ווי אונזער גלייכען און גאר ניט.

דערהערענדיג אזעלכע בעקאנטע גרויסע נעמען, האבען די ווייבער אזש איינגעהאלטען דעם אטעם פון גרויס טשיקאוועקייט און גאט-וואונדער.

— מאלט אייך, — האט די מאדאם שערמאן ווייטער גערעדט — מאלט אייך, אז מיין טאכטער איז שוין געווען צווישען לייטען און ווייסט זיך ווי אויפצופיהרען צווישען לייטען. וואס פאר א ווערט, מאלט אייך, האט ביי איהר א פעלדשער, אנ'אפטעקער און אפילו א דאקטאר צו א קסיאנדז, א טעלעגראפיסט, א נאטאריוס און די טשינאווניקלעך, פון וועלכע עס בעשטעהט אונזער קא—ווער „אריסטאקראטיע"? ניט מעהר, מען איז דאך א מענש, אין די לאנגע ווינטערדיגע נעכט ביי אונז אין שטעדטיל קאן מען דאך מיינע שונאים משוגע ווערען פון נודנעקייט. ובפרט נאך אזא יונג קינד ווי מיין קלארעטשקע, מען איז דאך מעהר ניט ווי א מענש — קומט זי אמאל אין זייער געזעלשאפט אויך, אבער אזוי קריכען אין די אויגען ווי זי? — זאל גאט אבהיטען אלע אונזערע ליעבע!

צוויי יונגע ווייבלעך, וועלכע געהען יום כפור דאווענען דאס ערשטע יאהר, הערענדיג פון מאדאם שערמאן, אז קלארעטשקע איז נאך א יונג קינד, רוימען איין אין אויער איינס דאס אנדערע מיט א שמייכעלע: אזעלכע קינדער וויקעלט מען ביי אונז

אין פּאָליעסער וואַלד. זי איז מיט עטליכע יאָהר עלטער פון מיר. אודאי אריבער פינף־און־צוואַנציג— וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ קינד?

— מען שטעלט זיך שוין צו מוסף דאַווענען— האָט זיך דערהערט אַ קול, און דער עולם וואָס איז געשטאַנען אין דרויסען האָט זיך אָנגעהויבען צוזאַמען.

ווען דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען שטופּען אין די טהירען, האָט זיך פלוצים דערהערט אַ קול: וואַסער! וואַסער! מען חלש'ט!

די מאַנסבילען האָבען זיך אַוועקגעטהון צו דער ווײַבערשער שול מײַנענדיג, אַז פון דאָרט געהען די קולות.

פאר דער שול רעדען זיך איבער אַפּאָר יונגע לײַטלעך.

— נאָך אַזוי פריה און ווײַבער חלש'ן שוין פון תענית.

— נו, אַפּאָלק! איך זאָל זײַן אַ רב, וואָלט איך פערבאָטען ווײַבער צו געהן יום כפור אין שול אַרײַן, זאָלען זיי זיך פאַסטען אין דערהיים און ניט אַנמאַכען יעדען יום כפור געפילדערען אין די שולען — עס קאָן פון זיי אַרויסקומען דאָס גרעסטע אומגליק.

— די גאַנצע וועלט איז אײַך קאַרג — רופט זיך אָן אַ יונג ווײַבעל — אפילו דאַווענען איין מאָל אין שול פערגינט איהר אונז ניט.

— ווער דאַרף אײַך דאָ אין שול? — ווערטעלט זיך דער יונגערמאַן — נאָר אין דערהיים זענט איהר, ווײַבער, אַ נוצליכע זאַך.

— עס זאָל ניט זײַן הײַנט יום כפור, וואָלט איך אײַך עפּעס געזאָגט — ענטפערט דאָס ווײַבעל סטראַשענדיג מיט דעם פינגער, מאַכענדיג דערבײַ

א חן'דעל, און ווערט פערפאלען אין דער טהיר פון דער וויבערשער שול.

די יונגע לייטלעך לאכען.

ווען מען האט דעם פערחלש'טען אבגע־שפריצט מיט וואסער און צוריבען די שלייפען, האט מען געזעהן, אז עס איז אהרן ווייצמאנס זון חיים.

— פע, חיים—האבען איהם זיינע בעקאנטע געמוסר'ט—ביזט דאד גאר א יודענע, שוין צום

— פע, חיים—האבען איהם זיינע בעקאנטע געמוסר'ט—ביזט דאך גאר א יודענע, שוין צום ערשטען אויסנעהמענס חלש'ן פון פאסטען.

חיים, אנשפארענדיג זיך אויף די צוויי מענ־שען, וועלכע האבען איהם געפיהרט, האט קוים גאר געעפעט די פיס און מיט זיינע בלויע גלאנ־צענדיגע אויגען האט ער מיעד געקוקט אויף דעם עולם און עפעס שוואך גערעדט.

באלד איז אויסגעוואקסען מאדאם שערמאן מיט איהר קלארא, וועלכע האבען ביידע פער־בראכען די הענד.

— חיים? גאר חיים? ווי בלאס ער איז!... פיהרט איהם אריין צו מיר. צו איהם א היים איז וויט, ער וועט זיך ביי מיר אין גארטען אויסרוהען.

— ווי טויט בלאס ער איז!—האט קלארא געזאגט און טרעהרען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

די מאדאם שערמאן מיט קלארא'ן, האבען איהם צוזאמען מיט די מענשען אונטערגעהאלטען ווי עפעס א טייערע חשוב'דיגע זאך.

צווישען עולם האט זיך געהערט מיינונגען.

— וואס־זשע? א מענש איז ניט פון אייזן.

אפילו א יונגער מאן און דאך ניט געקאנט ווייטער פאסטען. שוואכע דורות.

די צוויי פריהערדיגע יונגע ווייבלעך, וועלכע דאווענען אין שול דעם ערשטען יום כפור, האבען זיך איבערגערעדט אין אויער.

— א רחמנות אויף חיים'ן, ער האט זי נעבעך אזוי ליעב געהאט. איך ווייס עס שוין פון לאנג...

— איך האב געהערט,—רוימט אריין אין אויער נאך שטילער דאס צווייטע ווייבעל,—איך האב געהערט פון מיין מאן, וואס איז חיים'ס אנ'אלטער חבר, אז חיים האט געזאלט די טעג א חתן ווערען פאר מאניטשקען. איך בעט דיך, זאלסט קיינעם קיין ווארט וועגען דעם ניט זאגען. מיין מאן האט מיך געבעטען, איך זאל קיינעם ניט דערצעהלען, הערסט?

— אוי וואלט דאס געוועזען א גאלדען פאר פאלק.

— נישט בעשערט א פנים—אזא אומגליק, אזא אומגליק!....

ביידע יונגע ווייבלעך האבען נאכגעקוקט, ווי מען פיהרט חיים'ן אין דער בעגלייטונג פון מאדאם שערמאן מיט איהר קלארא'ן.

— זעה נאר ווי זיי ציטערן אזוי פלוצים איבער חיים'ן. ווייסט אפשר ניט וואס פאר א נאהענטער קרוב חיים קעהר זיי אן?

— נו, איז היינט א וועלט!...

דער חזן האט שוין געזונגען, די ווייבלעך האבען זיך א כאפ געטהון און פערפאלען געווארען אין דער ווייבערשער שול.

דער פלאץ פאר דער שול איז געווארען ווי אויסגעקערט פון מענשען, אלע זענען געוועזען אין שול, אויף דער גאס האט זיך נאר געהערט דאס

שיינע ניגונים פון די חזנים מיט די משוררים, מיט די אויסגעשרייען און די תפילות פון די דאווגער.

פינפטעס קאפיטעל.

סקלינגען די גלאקען.

מאדאם שערמאן מיט קלארא'ן האבען חיימ'ן ארויסגעפיהרט אויף דער ווערענדע, וואס געפינט זיך טיעף אין גארטען, וועלכער איז ארומגעצוימט מיט א הילצערנעם פארקאן.

דא איז שטיל און רוהיג און אלעס איז אבגעזונדערט פון דער גאס, פון דעם שטעדטישען רעש און פון מענשען.

אין גאנצען גרויסען גארטען, וואס בעשטעהט פון בוימער און פערשידענע פלאנצונגען, געפינט זיך נאר שערמאנ'ס איינשטאקעדיג הויז, וועלכעס איז איינגעטונקען אין גרינס.

חיים איז האלב געלעגען אויף א פאטעל מיט א טויט בלאס געזיכט.

די מאדאם שערמאן און קלארא זענען ניט אבגעטרעטען און איהם געגעבען א גלאז טיי מיט וויין.

נאכדעם ווי חיים האט אויסגעטרונקען און איז געקומען צו זיך, האט ער מיט א שוואך קול אנגעהויבען לאנגזאם צו רעדען.

— איך דאנק אייך פאר אייער גוטסקייט איך האב געמיינט, אז איך וועל שוין ניט אויפשטעהן, אזוי ניט גוט איז מיר פלוצים געווארען.

— וואס הייסט? וואס דען? מיר וועלען
אייך לאזען אין אזא צושטאנד זיך שלעפען צו זיך
הינטערען שטאדט? מיר וועלען אייך פון דאנען
ניט אבלאזען, ביז איהר וועט פאלקאמען קומען
צו זיך, מיר וועלען צוגרייטען פאר אייך א צימער.

— איך ווייס ניט, ווי אייך אבצודאנקען
באר אויב איך וועל זיך פיהלען בעסער, וועל איך
אייך בעטען פארנאכט מיך אבפיהרען אהיים.

— א נײן, דאס וועלען מיר ניט דערלאזען.
איהר ליגט דא רוהיג, איך מוז לויפען אין שוהל
אריין. פיהרט זיך דא אויף לייטיש. רוהט זיך אב,
און דו, קלארעטשקע, טרעט ניט אב פון איהם
אויף א מינוט, ביז איך וועל קומען פון דאווענען.

קלארא איז געבליבען אליין אויף דער ווע-
ראנדע צוזאמען מיט חיים'ען.

זי איז געזעסען נעבען איהם און געקוקט
אויף זיינע בלויע אויגען, וועלכע האבען אזוי שען
געפאסט צו זיין היינטיגם בלאס פנים.

אויף איהר פנים האט זיך געוויזען אזוי פיעל
גוטסקייט, געטרייהייט און ליבשאפט צו חיים'ען
אז ער האט עס בעמערקט און האט איהר גע-
זאגט:

— ווי גוט זענט איהר צו מיר, קלארא!

א גליקליכער שטראהל האט בעלויכטען
איהר פנים און אין איהרע פערלאשענע אויגען האט
זיך בעוויזען א גליקליך פייער'ל.

דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען האט זי
זיך געפיהלט אזוי גליקליך, דאס ערשטע מאל
האט זי זיך געפונען אזוי נאהענט, אזוי היימיש צו
חיים'ען. זי האט איצט געפיהלט זיין אטהעם, זי
האט געהערט קלאפען אזוי נאהענט זיין הארץ,
וועלכעס איז איהר געווען אזוי טייער.

אָהן ווערטער איז זי געזעסען נעבען איהם און איהם געשלינגען מיט די אויגען.

ער האט אָנגעהויבען האלב דרימלען.

קלארא האט איהר אייגענעם אָטהעם געוואָלט איינהאַלטען, אום ניט צו שטערען זיין רוה און זי האט געטראכט:

— יעצט וועל איך איהם אפשר קאָנען צו-ציהען צו מיר נעהענטער.

קלארא האט פון לאנג געוואוסט, אז ער האט ליעב מאניא'ן, אז פון איהר וועט ער זיך ניט אָבזאָגען צוליעב קיינעם. זי האט געוואוסט, אז מאניא איז שענער, יונגער און מיט א סך מעלות, וואָס קאָנען יעדען יונגען מאן און בפרט נאָך חיים'ען מעהר געפעלען ווי זי, נאָר מאניא איז אָבער איצטער ניטאָ. זי איז ענטלאָפען און אזוי מיאוס ענטלאָפען, שווער זי זאָל קומען צו-ריק, און ווען אפילו מען וועט זי יאָ געפינען און ברענגען אהיים, וועט זי שוין אויך ניט זיין די פריהעריגע מאניא, וועלכע אלע האָבען אזוי ליעב געהאט.

— מאניא איז שוין ניטאָ, איהר שענקייט, איהרע אלע מעלות וועל איך חיים'ען פערבייטען מיט מיין גוטסקייט און איבערגעבענהייט צו איהם. חיים איז מיינער, און ער וועט מוזען זיין מיינער. איך וועל איהם קיינעם ניט אוועקגעבען.

חיים האט געדרימעלט און גרינג געאָטהעמט. קלארא האט בעמערקט, ווי אויף זיינע בלאסע לי-פען האט אָנגעהויבען שפיעלען א זיסער שמייכעל.

— ווי שען ער איז, ווי בעציערט זיין גע-זיכט אט דער גאָלדענער שמייכעל! איהם חלומ'ט זיך עפעס שענעס, גליקליכעס.

זי האט זיך זאט ניט געקאָנט אָנקוקען אין

זײַן געזױפֿט און ניט קוקענדיג זיך אײַנהאַלטען און ניט אָפּגעבענדיג זיך קײן רעכענונג, האָט זי אַלײן ניט בעמערקט, װי איהר קערפּער האָט זיך אָנגעבױגען צו חיים'ן און איהם אַ גרינגען קוש געגעבען אין שטערען...

זי האָט זיך מיט שרעק צוריק אַ כאַפּ געטהון און חיים האָט זיך אויך אויפֿגעכאַפּט און זיך אומגעקוקט, װי אײנער װאָס האָט נאָר װאָס איבערגעלעבט אַ חלום.

— װי פֿיהלט איהר זיך, חיים!

— דער שלאָף האָט מיך אַ ביסעל דערפֿרישט. נאָר הלואי װאָלט איך ניט געװען אויפֿגעשטאַנען, עס איז געװען אַזוי גוט, אַזוי גוט... איך האָב געזעהן מאַניאַ'ן, איך האָב גערעדט מיט איהר און זי איז געװען אַזוי גוט, אַזוי גוט צו מיר....

קלאַראַ איז בלאַס געװאָרען און האָט קײן װאָרט ניט געקענט אַרויסרעדען.

— װי טרויעריג זי האָט אויסגעזעהען... איך לײד זעהר פֿיעל, קלאַראַ, איהר אַנטלויפֿען האָט מיך דערהרג'עט, דערװיסענדיג זיך פֿון דעם אומגליק, האָב איך געמײנט, אַז איך װעל ניט איבערלעבען, איך װעל בלײַבען אויף דעם אָרט... איך האָב געװאָלט זײַן אַזוי גליקליך... און פּלוצלונג אַזאַ אומגליק.

— מען טאָר זיך, חיים, ניט נעהמען אַזוי צום האַרצען, מען מוז אַלעס קענען איבערטראָגען, מען קען ניט נאָכשטאַרבען, עס װעט איבערגעהן. איהר ברויכט פֿערגעסען אָן איהר און אויב איהר קענט דאָס ניט, װעט איהר מיט דער צײַט פֿערגעסען. איהר זענט נאָך אַזוי יונג. מאַניאַ איז ניט װערט איהר זאָלט אַזוי לײַדען איבער איהר. אויב

זי האט אייך ליעב געהאט האט זי אזא זאך ניט געטארט טהון.

— מאניא איז ניט שולדיג, קלארא, אלע בע־שולדיגען זי, אלע פערשעלטען זי, ווייל קיינער האט זי ניט געקענט, איך בעשולדיג זי ניט, ווייל איך האב זי גוט געקענט. זי איז ניט איינע וואס פאלט אריין אין אזא אומגליק, הונדערטער יודישע טעכטער פאלען אריין צו זיי, יעדע איבער אייך אנדער אורזאכע. זעהר וועניג זענען דא וועלכע זענען זעלבסט שולדיג אין זייער אומגליק. איך וועל אבער ניט רוהען, ביז איך וועל זי פון זיי־ערע הענד ניט ארויסראטעווען, לאם איך נאר קו־מען צו מיינע קרעפטען. איך וועל פון איהר גאר ניט פערלאנגען, איך וויל זי נאר ארויסראטעווען פון זייערע הענד, אין וועלכע זי איז אריינגעפאלען.

— איהרע עלטערען זענען דאך שוין גע־פאהרען זי זוכען, אפשר וועלען זיי זי געפינען.

— אומגליקליכע עלטערען, וואס וועלען זיי קענען טהון אפילו ווען זיי וועלען שוין וויסען וואו זי געפינט זיך? שווער איז ארויסצורייסען פון זייערע הענד די אומגליקליכע קרבנות וועלכע זיי רויבען ביי אונז מיט גוטע און פרומע רעדעלעך.

מיעד האט ער אראבגעלאזט דעם קאפ אויף זיין האלב געלעגער און אויפגעהערט צו רעדען.

שטיל אהן ווערטער זענען זיי ביידע גע־זעסען אויף דער ווערענדע, עס האט אנגעהויבען נאכט ווערען, די לעצטע שטראהלען פון דער פער־גאנגענער זון האבען זיך אבגעגילט אויף די שפיץ־בלעטלעך פון די בוימער און די שאטענס אויף דעם פארקען האבען זיך פערגרעסערט און פער־חאפט מעהר פלאץ...

די ווייבער האָבען צוביסלעך-ווייז אָנגעהויבען געהן פֿון די שולען, די מאַנסבילען האָבען שוין געהאַלטען ביים סוף מעריב.

נאָך אַ מינוט און די צאָהל פֿון די אַרויסגעהער פֿון די שולען האָט זיך פערגרעסערט.

די מאַנסבילען האָבען זיך קופּקעלעך-ווייז אָבגעשטעלט ביי דער שול און מחדש געווען די לבנה, וועלכע האָט מיט גדלות אַרומגעשפּאַצירט איבערען לויטערען הימעל און עס האָט אויסגעוויזען, אַז זי האָט דאָ לאַנג געוואַרט ביי דער שול ביז יודען וועלען אַרויסגעהן פֿון מעריב, זי מחדש זיין.

לאַנגזאַם איז דער עולם מיעד פֿון דעם היינטיגען שווערען טאָג, געגאַנגען פֿון דער שול איבער דער שטעדטיל און זיך צושיט איבער פערשידענע געסלעך.

פֿון ערגיץ אַ ווייטען קלויסטער האָט זיך אין דער שטילער ליכטיגער נאַכט אָבגעקלונגען אין שטעדטיל פערשידענע טענער פֿון קלויסטער-גלעקער.

דער עולם האָט אַ ציטער-געטהון דערמאָנענדיג זיך וואָס זיי האָבען היינטיגען טאָג איבערגעלעבט, צוזעהענדיג ווי ר' לייזער שרה'ס מיט זיין ווייב זענען נאָכגעפאָהרען זייער טאָכטער.

ניט ווילענדיג האָט דער עולם אַ קוק געטהון אין דער זייט פֿון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס קלויסטער-קלינגען און האָבען פֿון העט ווייט, ערגעץ פֿון אַ נאָהענט דאָרף דערזעהן די שפּיצען וועלכע האָבען מיט שטאָלץ זיך געגילדעט אין דער ליכטיגער נאַכט.

— ווער ווייסט, אפשר געפינט זיך ר' לייזערס טאָכטער אין דעם קלויסטער, האָט זיך איינער אָנ-

גערופען, אפשר שמד'ט מען זי איצטער...

דיער עולם האט דערביי א ציטער-געטהון.

— אפשר, האט זיך אנגערופען אנ'אלטע יודענע, קלינגט איצטער די משומדת'טע אליין אין די קלויסטער גלעקער, ווייל ווי מען דערצעהלט פון לאנגע יאהרען, אז ווען מען שמד'ט א יודיש קינד, מוז דער משומד אליין פריהער קלינגען א גאנצען חודש אין די גלעקער.

— באבע. איך האב מורא! האט זיך אנגערופען א קינד, וועלכעס האט נאכגעטראגען דעם מחזור מיט די תחינות דער אלטער פרוי.

— האב קיין מורא ניט מיין קינד, גאט וועט אונז אבהיטען.

— באבע, האט ער מיט ציטערניש פלוצים געפרעגט, דער גיהינם ברענט איצטער?

— פאר איהר, פאר דער משומדת'טע, ברענען איצטער אלע גיהנם'ס און אונז מיט כל ישראל וועט גאט אבהיטען.

דאס קינד האט זיך פעסטער געהאלטען נעבען דער באבע, וועלכע איז געגאנגען צוזאמען מיט דעם גאנצען עולם אהיים.

די קלויסטער-גלעקער האבען ניט אויפגעהערט אבקלינגען אין דער לופט און פון די דאזיגע אבקלאנגען איז אין דער היינטיגער נאכט געפאלען א פחד איבער דעם גאנצען שטעדטיל...

זעקסטעס קאַפּיטעל.

הינטער דער שטאָדט.

אין דער נאַכט, ווען אין שטעדטיל קאַ—ה זענען יודען נאָך דעם גרויסען תענית יום־כפור געזעסען אין זייערע הײַזלעך, יום־טוב׳דיג בײַ די געגרייטע טישען און דערצעהלט יעדער מיט אײן אַנדער נוסח וועגען דעם שרעקליכען אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿען ר׳ זעליג שרה׳ס, וועלכער איז הײַנט מיט זײַן ווײַב געפֿאָהרען אַרויסראַטעווען זייער קינד פֿון דער שמד, אין דער זעלבער נאַכט איז אין דערפֿעל, וועלכעס רופֿט זיך נאָך דעם דאָרטיגען טײַכעל זאַסטאַווקע וואו עס וואָהנט ר׳ זעליג שרה׳ס פֿאַמיליע, געזעסען איינע אַליין זײַן אַלטע מוטער דבורה בײַם געדעקטען יום־טוב׳דיגען טיש און געקוקט אויף די פֿון נעכטען אָבגעקאָכטע און צוגעגרייטע כפרות...

דאָס דערפֿעל זאַסטאַווקע געפֿינט זיך אין גאַנצען איין ווייאָרסט פֿון שטעדטיל קאַ—ה. און דאָס זעלבע טײַכעל וואָס לויפֿט בײַם דערפֿעל לויפֿט אויך בײַם שטעדטיל.

דאָס איז אַ שמאָל טײַכעל, וועלכעס שלענגעלט זיך פֿון ערגיץ ווײַט, גאַניץ ווײַט, און דאָ בײַם דערפֿעל צושפּרייט זיך עס אַביסעל ברייטער און גראָבט טיעפֿער און אויף דעם אָרט געפֿינט זיך אַן׳אַלטע וואַסער־מיהל, וועלכע האָט נאָך פֿון לאַנגע יאָהרען געהערט צו ר׳ זעליגס שרה׳ס פֿאָטער, צו דבורה׳ס מאַן ר׳ יצחק הירש שרה׳ס.

די מיהל איז אַ קליינע אַלטע פֿערמעליגטע

געבײדע מיט א גרויסע ראָד, וועלכע דאָס וואסער טרייבט לאנגזאם, נאָר פאר פסח, ווען דאָס וואסער קומט־אָן, דרעהט זיך די ראָד גיכער, דרעהט זיך לעבעדיגער און די גאנצע אלטע מיהל בעקומט עפעס א יונג אויסזעהן, מיט פרישע קרעפטען.

נעבען דער מיהל, אויף א קליין בערגעל שטעהט אנ׳אלט הויז פון עטליכע קליינע פענסטער, וואו עס וואָהנט פון לאנגע יאָהרען אָן הזעליג מיט זיין פאמיליע.

ווען אלע זענען נעכטען אוועק אין שטעדטעל דאווענען, האָבען זיי איבערגעלאָזט מאניאַן און דעם אלטען גוי פון מיהל, וועלכען זיי האָבען אָנגעזאָגט אכטונג צו געבען אויף דער שטוב.

דבורה, דערוויסענדיג זיך שפעטער פון אלעמען פון איהר אומגליק, איז באלד נאָך דעם תענית אוועקגעפאָהרען אהיים, אפשר זענען זיי שוין געקומען צופאָהרען. נאָר זי האָט מעהר ניט געפונען ווי דעם אלטען גוי פון דער מיהל, וועלכער האָט. ווי יעדען מוצאי יום־כפור, ווען זיינע בעלי־הבתים זענען געקומען פון שול, ארויסגענומען די קאלטע כפרות, זיי אנידערגעשטעלט אויף דעם טיש און אויפגעשטעלט דעם סאמאָוואר.

דבורה איז טרויעריג געזעסען און געקוקט אויף די כפרות.

דריי ווייסע הינדער און איין ווייסען האָהן האָט זי אליין אויסגעהאָדעוועט. א גאנצען זומער האָט די קוואָטשקע געשפאצירט מיט איהרע הינדעלעך אין גראָז און דבורה פלעגט זיי אלע טאָג רופען און זיי האָדעווען פון איהרע הענד, און יעדען פארנאכט זיי ארייַנגעלאָזט אין קאמער.

דאָס ווייסעסטע און שענסטע הינדעלע, אָה

איין שווארץ פעדעריל, האט זי אויסגעקליבען און געזאגט:

— דאס וועט זיין ערב יום כפור א כפרה פאר מאניאטשקען.

און איצטער ליעגען די כפרות פאר איהרע אויגען אויף דעם טיש, און עס איז ניטא, ווער עס זאל זיי עסען.

דבורה האט זיך צוגעהערט צו יעדען שארך, צו יעדען סקריפ, אפשר קומט ווער, נאר עס איז שטיל.

— חיים זאל חאטש קומען. פאר וואס קומט ער ניט? אלע, אלע האבען אונז אוועקגעווארפען.

דבורה האט ניט געקאנט איינזיצען און איז ארויסגעגאנגען פאר דער שטוב, זיך געזעצט אויף א קלאץ און געקוקט אין דער וויים־קייט. פון אלע שטעשקעס, וועלכע פיהרען צו דער שטוב האט זיך איהר אלע מאל אויסגעוויזען, אז מאניאטשקע געהט, מאניאטשקע רעדט, אט הערט זי איהר זיס קול, נאר ניין, עס רעדט נאר שטיל און טרויעריג דאס לויפענדיגע טייכעל.

פלוצים האבען זיך איהרע אויגען אפגע־שטעלט אויף א גרויס הויז, וואס איז געשטאנען אויף א בערגעל פון יענער זייט ברעג טייך. דאס הויז האט איצט ארויסגעקוקט פון צווישען די בוי־מער מיט בעלייכטעטע פענסטער.

— געווים זענען זיך דארטען צוזאמענגעפאהרען געסט, ווידער א געבורטס־טאג, א הוליאנקע—גוים, וואס זאלען זיי טהון, אז ניט הוליען? וואס געהט זיי אב אויף דער וועלט?

דבורה האט א זיפץ געטהון.

— ניט פֿערגונען אונז אזא טײַערען בריליאַנט און האָבען זי בײַ אונז אויסגעחאַפּט, אויסגעריסען, זי, נאָר זי...

דבורה האָט מעהר ניט געקאָנט קוקען אויף דעם דאָזיגען הויז.

— אָ, ווען איך בין יונגער, ווען איך זאָל קענען לויפען, וואָלט איך געלאָפען, געפֿיַדהרען, די גאַנצע וועלט איבערגעקעהרט און מײַן קינד אַרויסגעראַטעוועט.

דבורה האָט זיך אומגעקוקט און צוגעהערט, אפשר הערט מען פֿאָהרען, אפשר געהט ווער, נאָר עס איז שטיל, מען האָט מעהר ניט געהערט ווי דאָס קלאַפּען פֿון דער מיהל און דאָס פּליעסקען פֿון וואַסער.

זי איז אַרײַן צוריק אין שטוב, נאָר זי האָט ניט געקאָנט אַײַנזיצען, אַלע ווײַלע האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז עמיצער שאַרפּעט בײַם פֿענסטער, זי איז עטליכע מאָל אַרויסגעגאַנגען און אַרײַנגע-גאַנגען און קײנעם ניט געזעהן.

פּלוצים האָט זי דערהערט די בעקאַנטע שווערע טריט פֿון דעם אַלטען גוי, וואָס אַרבײַט אין מיהל.

— וואָס איז?—האָט זי געפֿרעגט,—איז עמי-צער ניט געקומען צו-פֿאָהרען?

— ניין, נאָר אַ בריעף האָט מען מיר איבער-געגעבען פֿאַר אײַך.

מיט ציטערדיגע הענד האָט זי אויפֿגעריסען דעם בריעף און האָט איבערגעלייענט די שרעקליכע ווערטער אויף יודיש מיט מאַניעס אייגענע האַנד:

„מײַנע טײַערע! ראַטעוועט מיך, איך גע-פֿין זיך אין אַ פֿערשלאָסען צימער, נאָר תּאַו—

ווייס איך ניט. איך בין אביסעל אליין שולדיג אין מיין גרויסען אומגליק, נאר ראטעוועט מיך. איך בין געלאפען פון אייך דורך דעם ווילדען וואלד, דורך דעם שטעדטיל צ—ן און ווייטער ווייס איך ניט, ראטעוועט מיך! אייער מאנ־יאטשקע".

די אלטע דבורה האט זיך קוים געהאלטען אויף די פיס און מיט א ציטערדיג קול געפרעגט דעם אלטען גוי:

— זאג נאר, זשיבעק, ווער האט דיר גע־געבען דעם בריעף?

— א פארבייגעהער, א פויער.

— וואו איז ער?

— גאט ווייסט איהם, ער איז באלד אוועק.

— דו קענסט איהם?

— ניין, א פרעמדער.

— קענסטו מיר ניט זאגען ווי ער האט אויס־געזעהן?

— דער רוח ווייסט איהם, איך האב קיין צייט ניט געהאט צוקוקען.

— אפשר קענסטו איהם געפינען? קום מיט מיר, איהם זוכען.

— ווער, וואס, ווען? שוין באלד א שעה, אז ער איז אוועק.

— קום, לאמיר געהן, אפשר וועלען מיר איהם נאך געפינען ערגעץ, אפשר איז ער דא אין דארף געבליבען ביי וועמען נעכטיגען.

אוןביידע אלטע לייט האבען זיך געלאזט געהן איבער דעם דארף.

זיבעטעס קאַפּיטעל.

דאס ווייסע הויז.

דאָס הויז, וואָס איז היינטיגען אָבענד געווען אזוי בעלייכטעט אין אַלע פענסטער, האָט מען אין דאָרף גערופען „דאָס ווייסע הויז", ווייל עס איז שטענדיג געוועזען אָבגעווייסט מיט קאַלעך, און מיט זיין ווייסקייט האָט עס זיך שטענדיג יעדען געוואָרפען אין די אויגען, קעגען די אַלע אַנדערע דאָרפס-הייזלעך, וועלכע זענען געוועזען טונקעל, קויטיג און פון רעגען בעקומען משונה'דיגע קאָלירען.

אין דעם ווייסען הויז. וועלכעס איז בעשטאַנען פון אַ סך צימערען, האָט געוואָהנט דער עקאָנאָם סיוויאַנסקי מיט זיין גרויסע פאַמיליע, וועלכע איז בעשטאַנען כמעט נאָר פון פרויען. זיין ווייב די פרוי סיוויאַנסקא, זייערע זעקס טעכטער, פון וועלכע די יונגסטע איז אַלט אַ יאָהר פינף-און-צוואַנציג. דעם עקאָנאָמ'ס איין אַלטע מוטער, דער פרוי סיוויאַנסק'ס איין אַלטער פאַטער, דריי פערזעסענע פונפציגיעהריגע פלעמעניצעס, און עפּעס נאָך אַפּאָר מוהמעס, ביי וועלכע עס זענען אין דער יוגענד געשטאָרבען די מענער: איינער איז בטעות דערשאָסען געוואָרען פון אַ חבר, ווען זיי זענען געפאָהרען אויף דער יאַגד פון ווילדע קאַטשקעס און דער צווייטער איז געשטאָרבען פון סוכאָטאַ, און זוכענדיג אין די יונגערע יאָהרען פאַסענדע שידוכים און ניט געפינענדיג, האָבען זיי זיך אויף דער עלטער, בעזעצט ביי זייער פלעמעניק סיוויאַנסקי, וועלכער איז געוועזן אַ נוטער פאַמיליען-פאָטער און איינ'ן ענטליכער

ניט קוקענדיג אויף זיין קליין געהאלט, וואס ער פלעגט בעקומען, איז דאך דא גאנץ אפט פארגעקומען אבענדען און צו דעם ווייסען הויז פלעגען אפט צופאהרען געסט. דען אויסער די יום-טובים אין יאהר, וואו אין דעם שטילען לאנגוויילינגען לעבען אין דער פראווינץ האט מען ליעב צו מאכען וויזיטען, זענען אין דעם ווייסען הויז פארגעקומען געבורטסטאגען פון די זעקס טעכ-טער, דריי פערזענליכע פאנעס, צוויי מוהמעס, דעם עקאנאמס מוטער, דער פרוי סיוויאנסקא׳ס פאטער און דער געבורטסטאג פון די בעלי-בתים זעלבסט.

ביי אלע בעקאנטע זענען די דאטעס פון די געבורטסטאגען געווען פינקטליך פערשריבען, ווי ביי ערהרליכע יידען די יאהר-צייטען פון די עלטערען, און ווילענדיג ניט ווילענדיג זענען געסט גאנץ אפט צוגעפאהרען צום עקאנאם און דאס ווייסע הויז גאנץ אפט געווען בעלייכטעט אין אלע פענ-סטער.

ניט קוקענדיג, וואס דער עקאנאם האט פער-נומען א קליינע שטעלע, פלעגען אין זיין הויז קומען ניט נאר זיינע קאלעגען עקאנאמען און דיענער פון אנדערע נאהענטע גיטער, נאר אויך פריצים, בעלי-בתים פון גיטער, קסיאנדזען, דאקטוירים און די איבעריגע „אריסטאקראטיע“ פון דער פראווינץ, ווייל די סיוויאנסקעס האט מען געהאלטען פאר מיוחסים, דערהויבט פון ווייב׳ס צד.

פון זייערע קרובים האבען זיך געפונען עטליכע מאנאחינעס, וועלכע האבען פערנומען פערשיעדענע גרויסע און קלענערע שטעלעס אין די מאנאסטירען, וועלכע געפינען זיך אין פוילען

און אין גאַליציען, און ווי מען דערצעהלט, געפינען זיך אַ פּאָר פון זייערע קרובים אין איטאַליען אין די מאָנאַסטירען פון פּאַלערמאָ און נעאַפּאָל.

מען דערצעהלט אויך, אַז סיוויאַנסקעס אַ זיידע איז אין יאָהר 1812 געווען „פּולקאָווניק" אין נאַפּאָלעאָנס ארמיע, וועגען וועלכע די פאַמיליע רעדט אויף יעדען געבורטסטאָג מיט אַ בעזונדערען שטאָלץ.

דער פאָטער פון דער גרויסער פאַמיליע, דער עקאָנאָם סיוויאַנסקי, איז שטענדיג געווען פערארבייט. ארומגעגאַנגען צווישען די פעלדער, געפאָהרען אין די גיטער פון זיין פּריץ, אמאָל געפאָהרען אין שטאָדט, און בכלל געווען אַ פערייגטער אַ פערהאָרעוועטער מענש, וועלכער טראָגט אויף זיך אַזאַ גרויסע פאַמיליע.

דאָס געהאַלט איז געווען זעהר קליין, גאָר דאָס וואָס ער האָט געהאַט אומזיסט אַזאַ גרויסע וואָהנונג און אַ חאַלבע מאָרגע ערד, וואו ער האָט געהאַט פערשידענע גרין-צייג, דערצו אַ פּאָר בהמות, גענז און הינער, וועלכע האָבען ניט געקאָסט קיין געלד, דאָס אַלעס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט, צו פיהרען אַ פּריציש הויז און דערהאַלטען דעם כבוד פון זיין אַלטען פאַמיליען-יחוס.

דעם גאַנצען טאָג איז סיוויאַנסקי ניט געווען צו הויז. דערפאַר האָבען אַלע דרייצעהן פרויען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין דעם הויז, געהאַט גענוג צייט, ארומגעהן לעדיג, בערעדען יעדען בעקאַנטען, דאַווענען, פאָהרען אין צווייטען דאָרף אין קלויסטער, פיהרען פּליאָטקעס און זיך יאָגען נאָך מצוות.

די דריי פאנעס, די צוויי פלימעניצעס און איין טאָכטער פון עקאָנאָם זענען שטענדיג געגאַנגען אין שווארצען געקליידעט אפילו אויף די אָבענדען, ווען געסט זענען געקומען.

אָט אין די שווארצע קליידער האָט אויסגעזעהען, אז זיי האָבען זיך שוין אויף שטענדיג אָפגעזאָגט פון חתונה צו האָבען, די איבעריגע פינף טעכטער, די יונגסטע פון וועלכע איז אַלט 25 יאָהר, זענען נאָך געגאַנגען אין העלע קליידער, אַ סימן, אז זיי רעכענען נאָך אויף שאַנסען צו טהון גוטע שדוכים.

אויסער פיהרען ספּעטניעס, האָבען די וועלכע האָבען זיך געקליידעט אין שווארצען, ליעב געהאַט זיך פערנעהמען מיט מצוות, נאָר די גרעסטע מצוה איז ביי זיי געוועזען, ווען זיי איז געלונגען צו „ראַטעווען" און „לייטערען נשמות" פון יודישע מיידלעך.

אַזאלכע גליקען האָט זיי אין זייער לאַנגלעבען ניט איין מאָל געטראָפען. אַלע בעקאַנטע האָבען זיי דאַרויף מקנא געווען און פיעל דאַנקבריעף האָבען זיי געהאַט פון מאָנאַסטירען פאַר זייער גרויסע אַרבייט און זיי צוגעזאָגט עולם הבא.

צו טויפען יודען האָבען זיי זיך קיינמאָל ניט געיאָגט.

— אַ יוד ווען ער געהט זיך טויפען, געהט ער מאַכען אַ געשעפט. נאָר פון אַ יודישע טאָכטער קען מען שטענדיג מאַכען אַ גוטע קריסטין.

— יודישע טעכטער זענען גוטע און פרומע, עס איז נאָר אַ זינד וואָס זיי האָבען חתונה פאַר יודען, דאַן ווערען זיי די אייגענע מיאוסע פערדאַרבענע האַנדליאַרקעס ווי זייערע מענער און פלאַדען אָן אַ נייע וועלט מיט יודען.

— יודישע מיידלעך כּל זמן זיי האָבען נאָך ניט חתונה קאָן מען אין אַלעם איבערצייגען און מאַכען פון זיי די בעסטע מענשען.

אזעלכע שמועסען פלעגען אָפּט פיהרען צווי־שען זיך די דרייצען פרויען, איבערהויפּט די וועלכע האָבען זיך אין שוואַרצען געקליידעט.

אזעלכע שמועסען פלעגען זיי אויך אָפּט פיהרען צווישען די געסט. וועלכע פלעגען צו זיי אָפּט קומען.

— איך פרעג אייך—פלעגען שטענדיג טענה'ן די צוויי מוהמעס—ווי קומט צו דעם יודען זעליג, אזא טאָכטער ווי מאַניאַ? זי זעהט דאָך אויס ווי אגרעפיש קינד, אפילו אין איהר רעדען און אין אַלע מאַניערען זעהט זי ניט אויס ווי אַ יודיש קינד. זי איז דאָך אַזוי גוט, אַזוי לייטיש.

אַלע איינוואָהנער פון דעם ווייסען הויז האָ־בען מאַניאַן זעהר ליעב געהאַט און פלעגען זי אָב־האַלטען שעה'נווייז, ווען זיי האָבען זי נאָר געקראָגען.

— עס ווערט פרעהליך אויף דער נשמה— פלעגען די וויבער איבערעדען צווישען זיך—ווען מען קוקט אָן דאָס שענע אונשולדיגע קינד, וועל־כעס איז נעבעך אַזוי אומגליקליך געבוירען.. עס ווערט דאָך ליכטיג אין יעדען ווינקעלע, ווען זי קומט אריין צו אונז.

און די דרייצעהן וויבער פלעגען מיט קנאה קוקען פון ווייסען הויז אויף דעם בערגעל, וואו עס איז געשטאַנען ר' זעליג שרה'ס הייזעל, וואָס האָט זיך געפונען אקעגען־איבער דעם לויפענדיגען טייכעל.

דאָרטען אין קליינעם שטיבעל האָט גע־הערשט יונגעס לעבען און די ליכטיגע וועלט און דאָ אין דעם ווייסען הויז—אַלטקייט און יענע וועלט.

אכטעס קאַפּיטעל.
דער העלד פון טאָג:

דעם היינטיגען אבענד איז ביי סינוויאנסקען אין הויז געוועזען בעזונדערס פרעהליך, געוועהנליך, ווען מען פלעג זיך צוזאַמענקומען, פלעגט מען רעדען פון דעם וועטער און איבערקייען צום הונדערסטען מאָל די אַלטע ספּליעטניעס, ווייל דאָס דאָרפישע לאַנגוואַמע לעבען האָט ניט געגעבען קיין בעסערען שטאָף צום רעדען. אמאָל האָט איינער דערצעהלט עפּעס נייעס פון די צייטונגען, און אַז דער שטאָף האָט זיך אויסגעלאָזט, פלעגט מען זיך אויספרעגען איינער ביי דעם צווייטען ווי פיהלט מען זיך אין געזונד, און אום עס זאָל זיך ניט אויסלאָזען קיין שטאָף צום רעדען, פלעגען אפילו די פאָלקאָמען געזונדטע זיך בעקלאָגען, אַז מען פיהלט זיך קראַנק, וואָרום טאָמער וועט עמיצער ענטפערען: „געלויבט גאָט, איך קען זיך ניט בעקלאָגען אויף מיין געזונד", דאַן לאָזט זיך אויס דער שטאָף צום רעדען. בעקלאָגט מען זיך אָבער אויף דעם געזונד, וועלען אייך שוין אַלע געסט געבען הונדערטער רפואות און דערביי דערצעהלען הונדערטער מעשיות, ווי דער און דער איז פאָלקאָמען געזונד געוואָרען פון אַזאַ רפואה, און דערווייל איז דאָ שטאָף צום רעדען ביז מען דערלאַנגט צום טיש.

האָט מען נאָר דערלאַנגט צום טיש, איז באַלד די טעמאַ איבערגעגאַנגען אויף הלכות אכילה ושתיה.

די מאַנסבילען האָבען איבערגעשטיינט איינער דעם צווייטען מיט די צאָהל אויסגעטרונקענע גלעזלעך בראַנפען, ליקער און ויין,

און די ווייבער האבען זיך מעהר פערנומען מיט נאשעריי.

היינטיגען אבענד האט מען, אויסער די אכילה מיט טרינקען, אלע שמועסען אוועקגעלעגט אויף א זייט, און די טעמא פון דעם אבענד איז געווען מאניא אדער מאניאטשקע, ווי די פאמיליע סיוויאנסקי פלעגט זי רופען.

אלע אויגען האבען איצט געקוקט אויף לודוויג'ען, אויף וועלכען מען האט זיך שטענדיג וועניג אומגעקוקט, אלע האבען אויף איהם יעצט געקוקט ווי אויף דעם „העלד פון טאג”.

לודוויג, איבער זיין פאמיליע, וועלכע קומט=ארויס פון פראסטע פויערען, און אויך דערפאר וואס זיין פאטער האט פערנומען אזא קליינע שטעלע, ווי א פעלדשער אין דארף, האט קיין גרויסען פלאץ אין דעם מיוחס'דיגען הויז ניט פערנומען, ער איז שטענדיג געוועזען פון די איינגעלאדענע געסט נאר דערפאר, ווייל ערשטענס האט ער געענדיגט א שולע פון 4 קלאסען און איז שוין ניט קיין פראסטער פויער, און צווייטענס פראסט דערפאר, וואס ער איז געוועזען א יונגער מאן און אין סיוויאנסקעס הויז, וואו עס האבען זיך געפונען זעקס פרייליינס, א חוץ פלימעניצעס און מוהמעס, האט מען זיך אין אזעלכע אבענדס שטארק גענויטיגט אין „אינטעליגענטע קאוואלערען”. און חאטש ביי סיוויאנסקען אין הויז האט מען געקוקט אויף איהם פון אויבען אראב, האט מען איהם דאך צו אזעלכע אבענדען איינגעלאדען, און ווען ער איז אמאל ניט געקומען, האט ער שטארק געפעהלט אין דער ווייבערשער געזעלשאפט.

היינטיגען אבענד איז לודוויג געווען דער „העלד פון טאג” און איז מיט איינמאל ביי די מיוחסים אויפגעוואקסען מיט עטליכע קעפ.

איבערהויפט זענען פון איהם ניט אבגעטרעטען די צוויי מוהמעס, וועלכע האבען זיך אלץ געסוד'עט מיט איהם.

אלע האבען אבער בעמערקט, אז לודוויג איז היינט זעהר ניט „אין הומאר” און ענטפערט ניט גערן.

— וואס איז מיט דיר, לודוויג? האט איהם געפרעגט איינע פון די מוהמעס וועלכע מען האט גערופען פאני זאסיא — דו וואלסט זיך דאך בעדארפט פיהלען היינט פאר דעם גליקליכסטען אין דער וועלט, דו האסט געטהון אזא גרויסע און הייליגע זאך. וואס די גרעסטע לייט לעבען-אב זייער וועלט און קומען ניט דערצו. אלעס אין לעבען איז גארניט קעגען דעם, וואס דו האסט געטהון; איך רעכען דיך איצטער פאר דעם גליקליכסטען מענשען. וועלכען אלע דארפען מקנא זיין.

לודוויג האט אפאר מינוט געשוויגען, טרעהרען זענען איהם געשטאנען אין די אויגען, עס איז איהם שווער געווען א ווארט אויסצורעדען.

נאר ביידע מוהמעס האבען פון איהם ניט אבגעטרעטען.

— די דארפסט דאך זיך פיהלען פאר דעם גליקליכסטען אין דער וועלט, די שענע מאניא וועט דאך זיין דיין פרוי און זי וועט זיין זעהר א גוטע קריסטין, גאט און לייט וועלען דיך מקנא זיין.

— ניטא וואס מקנא צו זיין, זי איז פארט א יודישע. א, ווען זי זאל ניט זיין אזוי רייצענד

שען, וואלט איך זי ניט געוואלט אנקוקען און דאס איבערלעבען וואס איך האב איבערגעלעבט אין דער פערשאלטענער נאכט.

— הייסט עס, אז דו טהוסט עס נאר צוליעב דיין זינדיגע נשמה, וויל זי איז שען? — האט די מוהמע זאסיא איהם פארווירפע געמאכט און זיך איבערגעקוקט מיט דער צווייטער מוהמע, ווי גלייך זיי זאלען זאגען: דאס וואס קומט ארוים פון א פראסטען שורש, בלייבט פראסט.

— זינדיגער! — האט זי ווייטער גערעדט — דו ווייסט אפילו ניט וואס דו רעדסט. א, ווען דו זאלסט קאנען פערשטעהן, ווי גרוים איז די זאך, וואס איז אויף דיין גורל געפאלען צו טהון, וואלסטו זיך אנדערש געפיהלט און וואלסט אנדערש גערעדט!

— גלויבט מיר, גוטע זאסיא, ווען זי זאל אין דער נאכט ניט געוועזען זיין אזוי רייצענד שען, וואלט איך זי צוריסען אויף שטיקער און פאר די הינד געווארפען...

די ביידע מוהמעס און די דריי פערזעסענע פלימעניצעס, וועלכע האבען געהערט דעם שמועס זענען אויש אבגעשפרינגען פון לודוויגען.

— גאט, וואס איז דא געשעהן אזוינס שרעקליכעס? ווי וואגסטו צו רעדען וועגען מאביאן אזוי? ... איז דאך א בריליאנטען קינד! דו זעלבסט און מיר אלע פלעגען זי דאך פערגעטערען. עס האט געמוזט דאך שרעקליכעס געשעהן.

— עס איז ווירקליך שרעקליכעס געשעהן, האט לודוויג געענטפערט מיט א טיעפען זיפץ און א שרעקליכער טרויער האט בעדעקט זיין געזיכט.

אלע האבען זיך דערשראקען פאר זיין אויסזעהן.

— ווער ווייסט, וואס דא איז פארגעקומען? — האבען זיך אלע דערשראקען פאר זיך זעלבסט און איינס מיט דעם צווייטען איבערגעקוקט.

— ניין, לודוויג, דו מוזט אונז דערצעהלען. ניט דו אליין ביזט דאך דא פערמישט. דו מוזט, לודוויג!

מיט אפענע מיילער האבען אלע ערווארטעט, לודוויג זאל זיך אביסעל בערוהיגען און אנהויבען דערצעהלען.

— איך קען אייך היינט גאר ניט דערצעהלען. לאזט מיך היינט אליין, איהר וועט אלעס וויסען, נאר ניט היינט. ווען איך זאל זיך איצטער ניט געפינען אין אזא געזעלשאפט, וואלט איך אוועקגעגאנגען. לאזט מיך אליין. מיר וועלען עס אבלעגען אויף מארגען. לאמיר היינט רעדען פון וואס איהר ווילט, נאר ניט פון מאניאן.

— אבער וואו געפינט זיך איצטער מאניא? דאס מוזטו אונז זאגען.

— וואו זאל זי זיך איצטער געפינען? — ביי דער שוועסטער אירינא.

אלע האבען אבגעזיפצט.

— אויב אזוי, געפינט זי זיך אין גוטע הענד, — האט די מוהמע זאסיא זיך אנגערופען, מאניא וועט שוין זיין אונזערע. פון אירע הענד איז נאך קיינער ניט ארויס.

— איהר האט א טעות. די שוועסטער אירינא איז טאקע א קלוגע, א פרומע, א גוטע א געלערענטע, אבער איהר קענט קיינער ניט מאניאן, מאניא האט חרטה, איהר הערט? — מאניא האט חרטה.

דאס ווארט חרטה האט זיי אלע ווי א דונער געטראפען, זיי האבען אלע א קלאפ געטהון מיט

די הענד און כמעט אויסגעשריען:

— אויב איהר וועט געראטען פון דארט צו ענטלויפען, זענען מיר דאך אלע אומגליקליך!

— אומגליקליך! — האט די צווייטע מוהמע ניט אויפגעהערט צו ברעכען די הענד.

— בערוהיגט איך — האט די מוהמע זאסיא געזאגט — פון די שוועסטער אירינא איז נאך קיינער ניט ענטלאפען. איך גלויב שטענדיג אין איהר בריה'שאפט. איך וועל היינטיגע וואך אין־מיטטגע ארעבפאהרען אין מאנאסטיר, איך מוז אלעס וויסען.

— דו וועסט זיך זעהען מיט מאניא'ן? — האבען אלע געפרעגט.

— איך ווייס ניט, איך וועל שוין דארט זעהען ווי עס האלט.

— איך וואלט עס קיין מאל ניט געגלויבט — האט זי ווייטער גערעדט און געסמאטשקעט מיט די ליפען, — מאניא איז דאך שוין אזוי גוט געווען צוגעגרייט, זי האט דאך אזוי געברענט, וואס גיכער ענטלויפען פון די פערשאלטענע יודען — איך גלויב ניט, איך גלויב ניט, עס איז ניט מעגליך.

— איהר גלויבט ניט? איהר קאנט פרעגען יאנען, ער האט זיך פערשטעלט פאר א פורמאן און האט אנגעטריבען די פערד, ווען מיר זענען ענטלאפען.

יאן, דעם עקאנאמס א יונגערער ברודער, וועלכער האט אויך געדיענט ביי דעם זעלבען גוט־בעזיצער אין א נאהענטען דארף, האט זיך אויך געפינען אויף דעם אבענד.

די פלעמיעניצעס האבען איהם אויפגעזוכט

און צוגעפיהרט צו דער קליינער קאמפאניע, ער זאל עדות זאגען, אז מאניא האט חרטה געהאט.

— איז דאס מעגליך? האבען זיי איהם געפרעגט.

— זאל אייך לודוויג אליין דערצעהלען.

— ער האט שוין דערצעהלט.

— וואס־זשע ווילט איהר פון מיר?

— מיר ווילען, אז דו זאלסט אויך בעשטעטיגען, עס איז אונז אונגלויבליך.

— פאר וואס זאלט איהר ניט גלויבען א חוין איהר חרטה, האט נאך לודוויג בעקומען פון מאניא׳ס שען קליין הענדטעל א גרויסען פאטש...

לודוויג איז אונטערגעשפרונגען און זיך געווארפען אויף יאגען, נאר די ווייבער האבען זיך אריינגעמישט און זיי איינגעשטילט, דער איבעריגער עולם, וואס האט זיך געפונען אויף דעם אבענד, איז צוגעלאפען.

יעדער האט געוואלט וויסען, וואס דא קומט־פאר, נאר די ווייבער האבען די געשיכטע איינגעשטילט.

— איך וועל מוזען היינטיגע וואך פאהרען אין מאנאסטיר,—האט די מוהמע זאסיא געזאגט—פון זיי וועלען מיר גאר ניט וויסען

דער עולם האט זיך שוין גע׳זעצט צו אבענד־ברויט, עס האט זיך געהערט קלינגען מיט די גלעזער, איינער פאר דעם צווייטען האט געוויזען בריה׳שאפט און וואס מעהר גלעזלעך אויסגעטרונקען.

לודוויג האט אין דעם אבענד געטרונקען מעהר ווי אלע מאל, אלע געסט האבען איהם געלויבט פאר זיין „אונטערהאלטען די קאמפאניע“.

נאָר די, וועלכע האָבען נעהנטער געקענט לודוויגען, האָבען זיך געוואונדערט, וואָס ער האָט פּלוצים אַזוי פיעל אָנגעהויבען טרינקען.

יאַן האָט געקוקט מיט עקעל אויף לודוויגען פאַר זיין פיעל טרינקען, און לודוויג האָט בקול רם געהאַלטען אין איין שרייען, אַז ער וועט יאַנען דערהרגענען,

אַלע האָבען געלאַכט, ווי לודוויג רעדט פון שכרות.

ווען אַלע געסט זענען זיך צופאָהרען, און אין דעם ווייסען הויז האָט מען זיך געלעגט שלאָפען, זענען די ביידע מוהמעס מיט די דריי פער־זעסענע פּלימעניצעס געזעסען שפעט אין גאַרטען און בעראָטען זיך וועגען אַלעס, וואָס זיי האָבען זיך היינטיגע נאַכט דערוואוסט פון לודוויגען און יאַנען.

— מאַניא געפינט זיך צו נאָהענט — האָט זיך איינע אָנגערופען — און דאָס איז זעהר געפעהרליך.

— אַוודאי, די יודען וועלען ניט שווייגען.

זעליג מיט דעם ווייב זענען נאָך היינט פריה אַוועק־געפאָהרען זוכען מאַניא'ן, מיר האָבען געמיינט, אַז יום כפור איז דער זיכערסטער טאָג, קיינער וועט ניט נאָכלויפען, צום סוף איז ביי יודען קיין זאַך ניט הייליג און זיי זענען אום יום כפור נאָכגע־פאָהרען.

— מען דערצעהלט, אַז זייער רב האָט זיי געהייסען פאָהרען אום יום כפור.

— אָט דאָס איז אַ פערשאָלטען פאָלק, וואָס קיין זאַך איז ביי איהם ניט הייליג.

— דער מאָנאַסטיר איז צו נאָהענט, מען וועט מאַניאַן מוזען אָבפיהרען אַביסעל ווייטער.

— דאָס איז ריכטיג,—האָבען אַלע איינגע־שטימט—מען מוז עס טהון וואָס גיכער, ווען ניט קאָן צרויסקומען פֿאַר אונז אַנ׳אומגליק.

— נאָך מאָרגען מוז מען פֿאָהרען.

— דאָס איז צו פֿריה, מען קאָן נאָך בעמער־קען און אונז נאָכפֿאָהרען. די אַלטע דבורה איז אונז שוין איצטער חושד, אַז מיר זענען שולדיג אין איהר ענ׳קעלס ענטלויפען.

— מען קאָן עס אָבער ניט אָפּלעגען, עס וועט אפשר זיין צו שפּעט. מען מוז נאָך מאָרגען פֿאָהרען אין מאָנאַסטיר, בעראַטען זיך מיט דער שוועסטער אירינא, זי זאָל מאַניאַן אוועקשיקען ווייטער.

ניינטעס קאפיטעל.
אין מאנאסטיר.

ווען מען פֿאָהרט-אָב אַ פּאָר ווייאָרסט פֿון שטעדטיל צ-ן, זעהט מען פֿון דערווייטענס אַ גאָלדענעם שפּיץ פֿון אַ קלויסטער, און עס ווייזט זיך אויס, אַז זיין שפּיץ דערגרייכט ביז אין די וואָלקענס. נאָר וואס ווייטער מען פֿאָהרט, בעמערקט מען ווי דער געגילטער שפּיץ טיילט זיך אָב פֿון די וואָלקענס און איהר זעהט פֿאַר אייערע אויגען אַ גרויסען בארג, אויף וועלכען עס געפֿינט זיך אַ גרויסע אַלטע געביידע, ארומגעמויערט ארום און ארום מיט אַ געמויערטען פּאַרקאַן.

שטיל איז ארום און ארום, נאָר דאָס קלינגען פֿון די גלאָקען שטערט פֿון צייט צו צייט די שטילקייט און די קלאַנגען פֿון די גלאָקען הערען זיך ווייט ווייט און דערמאָנען די ארומיגע דערפֿלעך און שטעדטלעך, אַז אין די געמויערטע פּאַרקאַנס געפֿינען זיך לעבעדיגע מענשען, וועלכע פֿיהרען פֿאַר זיך אַ בעזונדערע, אָבגעשלאָסענע, אָבגעזונדערטע וועלט.

און אפילו פון דער אָבגעשלאָסענער וועלט איז שוין זייט צוויי וואָכען אָבגעזונדערט מאַניאַ.

אַ גאַנצע אייביגקייט האָט זי אין דער קורצער צייט איבערגעלעבט.

זי קאָן זיך נאָך ביז איצט ניט אָבגעבען קיין קלאָרע רעכענונג, ווי אַזוי זי איז געקומען אַהער.

זי געדענקט נאָר, אַז אין אַ שרעקליכער נאַכט האָט זיך פאַר איהר געעפענט שווערע געקאָוועטע טויערען, ווי אַ מויל פון אַ ווילדע חיה, זי האָט דערפיהלט, ווי פיעל הענד האַפּען זי ביי איהרע הענד און מען שלעפּט זי ערגיץ. זי האָט נאָר געהערט זיך עפענען און פערמאַכען טהויערען, כמעט מיט געוואַלד האָט מען איהר אַראָבגעריסען פון קאָפּ דעם טוך, מיט וועלכע זי איז געווען פערוויקעלט, פּלוצים איז ליכטיג געוואָרען ווי פון טויזענטער ליכט און זי האָט געזעהן פיעל פרויען זעגען געשטאַנען אויף אַ גרויסע בימה צווישען אַזוי פיעל ליכט, אַז עס האָט איהר אָנגעהויבען בלענדען אין די אויגען.

דאָס איז געווען אַ כאָר פון פרויען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען זינגען לויב-ליעדער.

ווען עס האָט זיך געענדיגט דאָס זינגען, איז צו מאַניאַן צוגעגאַנגען אַ פרוי און איהר געזאָגט:

— לויב דעם וואָס לעבט עביג, וואָס ער האָט געטהון מיט דיר גרויס חסד און האָט דיך אַריינגעפיהרט אין די טויערען פון געלייטערטען זיין.

מאַניאַ האָט גאָר ניט געענטפערט, דער קאָפּ האָט זיך איהר אָנגעהויבען דרעהען און עס

האבען זיך אנגעהויבען פלאנטען פערשידענע געדאנקען.

דערנאך האט מען זי אריינגעפיהרט אין א וואש-צימער.

א פרוי האט זי בעגלייט, און נאך דעם אבוואשען, דערזעהענדיג איהרע שענע לאקען, האט זי איהר שטרענג געזאגט:

— שוין-זשע מיינסטו, אז אזעלכע לאקען פאסען פאר א מאנאסטיר? — און מאקענדיג אוי רעדענדיג האט זי מיט א קעמעל אנגעשמירט מיט פעטס איהר פערקעמט גלייך די האר.

ניט אלע לאקען האבען אבער געוואלט פאלגען דאס קעמעל. און א פאריסורימ'טע האט די פרוי געגעבען א זייף זאגענדיג:

— איצטער וועל איך דיך פיהרען צו דיר אין צימער, די ביזט מיעד. נעהם זיך אן מיט קרעפטען.

נאכדעם ווי מאניא האט א פאר זופ טהעע געטהון פון דער גלאז וואס זי האט געפונען ביי זיך אין צימער, איז זי ווי א דערהרג'טע ענטשלאפען געווארען.

אין מאנאסטיר האבען אלע „שוועסטער" ניט אויפגעהערט צו רעדען וועגען מאניא'ן.

— וואס פאר א שענינקע! וואס פאר אויגען! זי וועט זיין א שיינדלינג פאר אונזער מאנאסטיר.

— מען זאגט, אז זי האט זעהר א גוט הארץ, אז איהר הארץ האט זיך שוין לאנג געריסען צו אונזעריגע.

— זי האט נאר געהאט דאס אונגליק, צו געבוירען ווערען צווישען יודען, אבער אין הער-

עֶן זי שוין לאַנג אַ פרומע קריסטען, און איז גרייט אויף אַלערליי קרבנות, צוליעב דעם קריסטענטום.

— גליקליך וועט זיין דער טויף-פאַטער פון אזא ניי-געבוירענע.

— דעם ערשטען זונטאַג וועט מען זי טויפען.

— עס קאָן ניט זיין אזוי גיך, מען מוז זי דאָך צוגרייטען, מען טאָר ניט מיט געוואַלד.

— וואָסער געוואַלד, אז זי בעט זיך אליין. זי האָט זיך מיט איהר אייגענעם ווילען אָבגעזאָגט פון אַלעם צוליעב דעם קריסטענטום, צו וועל-כען זי איז איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען און איז זיך גרייט מקריב זיין.

— ווער האָט עס אייך דאָס אַלעם דער-צעהלט? — האָט זיך אָנגערופען אַנ'אַלטע מאָ-נאַשקע — ווער האָט זי דען צוגעגרייט? מען קאָן זיך גלאַט אזוי ניט פערלאָזען. זי מוז פריהער ווערען איין איבערצייגטע.

— די מוהמע זאָסיאַ האָט אזוי פיעל גוטס פון איהר דערצעהלט.

— מיר געפעלט אָבער ניט איהרע לאָקען. דאַכט זיך מיר, אז זי איז אַ קאָקעטקע. אָט אזוי קומט מען עס אין איין מאָנאַסטיר?

— אָט דאָס זאָג איך דאָך טאַקי, צו מען בעדאַרף זיך ניט און מען טאָר זיך ניט איילען מיט איהר טויפען. מיר מוזען זי פריהער צוגריי-טען, זי איז דאָך גאָר אַ ווילדע ציעג. מיר וועלען זי שוין אויסלערנען.

— אַך, ווי גוט וואָלט געוועזען, אז אפילו נאָכ'ן טויפען זאָל זי ניט אַוועק צוריק אין דער זינדיגער וועלט און בלייבען מיט אונז! עס ווערט

עפּעס פרעהליך אויף דעם הארצען, ווען מען זעהט אזא שענע מיט אזעלכע אויגען — האבען זיך אנגערופען צוויי יונגע מאנאכינעס.

— זינדיגע, אייך וואלט זיך נאר געוואלט פרעהליך זיין.

— ניין. מיר מיינען נאר, אז זי האט עפּעס אזעלכע אויגען, פאר וועלכע עס ווילט זיך דאווענען. ווען איך בין היינט פארטאג געשטאנען אין קלויסטער אויף דער בימה און געזונגען לויב-ליעדער, האב איך געקוואלען קוקענדיג אויף די אויגען פון אונזער צוקונפטיגער ניי-געבוירענער. עס האט זיך מיר הארציגער געזונגען. איך וואלט זי וועלען זעהן נאך אמאל. עפּעס אייגען פון א הייליגע הא־ איך געזעהן פאר זיך. זי וואלט פאר אונזער מאנאסטיר געוועזען א ריינער אוצר.

אין דעם מאנאסטירישע לעבען, וואס יעדער טאג איז ענליך אויף דעם צווייטען, האט מאניאס קומען אין די פערשלאפענע, פערמויערטע ווענד אריינגעטראגען א שטיקעל ניי לעבען, ווי א פריש ווינדטעל, וועלכעס בלאזט פלוצים אריין אין א פערמאכט פערדומפען צימער.

צעהנטעס קאפיטעל.
דער שפּאציר.

נאך האלבען טאג האט מען מאניאן קוים אויפגעריסען פון שלאף.

— שלאפסט שוין מעהר ווי אכט שטונדען, האט מען איהר מודיע געווען.

זי האט זיך אויסגעריבען די אויגען, זיך אומגעקוקט אין צימער, וואו אלעס איז איהר אזוי פרעמד.

— לאזט מיך ארויס פון דאנען, — זענען געווען איהרע ערשטע ווערטער, מיט וועלכע זי האט זיך געווענדעט צו דער „שוועסטער", וועלכע איז געשטאנען נעבען איהר — איך וויל פאהרען אהיים, צו מיינע עלטערען.

— ווער האלט דיך דען, מיין קינד? קום אביסעל צו זיך. וואש זיך ארום, עס איז שוין באלד מיטאג־צייט און דו האסט נאך גאר אין מויל ניט געהאט. קיינער וועט דיך דא מיט געוואלד ניט האלטען, ווען דו ווילסט ניט. איצט איז שוין באלד נאכט, וואו וועסטו געהן? נעכטיג דא איבער און מארגען — ווי דו וועסט ווען.

די „שוועסטער" האט גערעדט מיט אזעלכע גוטע ווערטער און געקוקט אויף איהר מיט אזעלכע גוטע אויגען, אז מאניא איז באלד צו איהר ווי צוגעקלעבט געווארען.

די דאזיגע שוועסטער האט מען אין מאנאס־טיר גערופען „מאריא", א פרוי פון א יאהר עטליכע

און פערציג, יונגער פון איהרע יאהרען, מיט א טונקעל נאר סימפאטיש געזיכט און גוטע אויגען, גערעדט האט זי זעהר שטיל און איהר שטימע האט שטענדיג געקלונגען ווי א ווייכע ווייענדיגע שטימע, וועלכע ביי נייע מענשען האט ארויס־גערופען עפעס א מיטגעפיהל און מען האט זיך צוגעצויגען צו איהר זעהר גרינג און געווארען מיט איהר אפענהערציג.

דאך די יונגערע „שוועסטער" אין מאנאסטיר פלעגען זיך צו איהר האלטען פון דערווייטענס.

נאך מיטאג־צייט איז די שוועסטער מאריא מיט מאניאן ארוים אין גארטען שפאצירען.

— שרעק זיך ניט, מיין קינד — האט זיך מאריא אנגערופען ארויסגעהענדיג מיט מאניאן פון צימער, — מיין ניט, אז א מאנאסטיר איז א טורמע ווי דאס רוב מיינען. פערקעהרט, דאס איז איין אנשטאלט, אזא מין פריוט וואו דעם מענשענס נשמה בעדארף זיך אויפהויבען העכער פון דעם וועלטליכען תוהו ובהו, ווער שמועסט נאך פאר די, וועלכע דאס לעבען האט שוין דערעסען, איז אונזער מאנאסטיר א גליק.

— שוועסטער מאריא, איך האב ליעב דאס לעבען מעהר ווי אלעס אין דער וועלט, איך האב ליעב דאס לעבען מיט מיין גאנצער נשמה. פאר אלטע אבגעלעבטע מענשען איז אפשר נויטיג אזא פריוט ווי איהר רופט עס אן, איך וויל לעבען און נאר לעבען, איך בין יונג.

— אומגליקליכע! טאקי נאר פאר אזעלכע ווי דו, וואס רייסט זיך אזוי שטארק צום לעבען, דאס הייסט צו דער זינדיגער וועלט, וואלט אונזער מאנאסטיר א גליק געוועזען, ער וואלט געראטע־וועט דיין אונרוהיגע נשמה, וועלכע בלאנדזעט ווי

אײן אָרעם שעפּעלע און קאָן זיך קײן אָרט ניט געפינען. זאָג, מײַן קינד, האָסטו שױן געפונען װאָס דו װילסט, װאָס דו זוכסט?

— איך װעל נאָך געפינען, איך בין נאָך יונג, שװעסטער, איך װעל נאָך געפינען, עס איז אמת, אַז איך בלאָנדזשע. אָבער איך װעל אַזױ לאַנג זוכען, אַזױ לאַנג בלאָנדזשען ביז איך װעל מײַנס געפינען.

— זינדיג ניט מײַן קינד, דערפאַר טאַקע װאָס דו ביזט נאָך אַזױ יונג, װײסטו ניט װאָס דו רעדסט אַלײן. איך מײן, אַז דאָס װאָס דו װילסט אַזױ פון אונז ענטלױפען. איז נאָר אפשר דערפאַר, װאָס דו שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס לעבען בײַ אונז איז צו טרױעריג, נודנע, לאַנגװײַליג. האָסט א טעות, מײַן קינד. איך מוז דיר זאָגען, אַז אױבער װאָס דאָ בערוהיגט מען די נשמה און מען געפינט דאָ טרײסט צו אַלע אומגליקען, װאָס דער מענש בעגעגענט אין לעבען, לעבט מען דאָ רײַך מיט אַלע פערגעניגען פון א רײַכען לעבען, און װען דו גלױבסט מיר ניט, װען עס זאָל אַנדערש זײַן, װאָלטען צו אונז אין מאָנאַסטיר ניט געקומען די רײַכסטע קינדער, װעלכע עס פעהלט ניט קײן גדן און רײַכע חתנים.

— שװעסטער, פאַר די רײַכע איז אײַער מאָנאַסטיר אפשר א בערוהיגונג, א טרײסט: זײ האָבען געלעבט, איך האָב נאָך ניט געלעבט; זײ װײסען פון רײַכטום, איך װײס פון אָרעמקײט, נױט און צרות װיפיעל אױדישע טאָכטער פון אָרעמע עלטערען קאָן נאָר װיסען.

— װי־זשע קומסטו אַהער? װאָס האָט דיך געבראַכט צו אונז?

— די שרעקליכע נױט און צרות בײַ זיך און

ארום זיך. דאָס ניט זעהן קיין ענדע, קיין אויסגאַנג, קיין ליכטיגען שטראַהל אין דער צוקונפט און צוזאַמען מיט דעם שטאַרקען ווילען לעבען און געניסען פון לעבען האָט מיר מיין קאָפּ אַזוי פערדרעהט, ביז איך האָב זיך פערפּלאָנטערט.

מאַניאַ האָט זיך צעוויינט. די שוועסטער האָט מיט אַ טיכעל איהר אויסגעווישט די טרעהרען.

— מיין קינד — האָט די שוועסטער געזאָגט מיט האַרץ, אַז טרעהרען האָבען זיך איהר אויך געשטעלט אין איהרע גוטע אויגען, — נאָר פאַר אַזעלכע ווי דו, וואָס קומט אַרויס פון אַזאַ אומגליקליך פאָלק, איז אונזער הויז אַ רעטונג. העלף מיר גאָט, דו זאָלסט מיך קאָנען פערשטעהן. בערוהיג פריהער דיין אומגליקליכע נשמה און דערנאָך וועסטו זיך אויסדערוועהלען, וואָס דיין האַרץ גלוסט. אַלעס קענסטו געפינען ביי אונז, אַז דו זאָלסט זיך געפינען גליקליך.

ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אין הויף, זענען זיך אָנגעלאָפען פיעל שוועסטער, און די, וועלכע האָבען זיך ניט געפונען אין הויף האָבען אַרויסגעקוקט פון די פענסטער. אַלע האָבען געוואָלט זעהן די נייע אָנגעקומענע.

טייל האָבען געפונען, אַז מאַניאַ איז זעהר אַ שענע, און טייל, אַז זי איז ניט שען, נאָר סימפּאַטיש.

אייניגע האָבען אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג אין דער הויך, אַז מאַניאַ האָט געקאָנט הערען, אַז איהר געזיכט וויזט, דאָס זי וועט זיך אַזוי גרינג ניט אונטערגעבען, עס וועט זיין פיעל אַרבייט...

מאַניאַ איז בלאַס געוואָרען און האָט פעסט געבעטען ערקלערונג ביי דער שוועסטער וועגען דעם, וואָס זי האָט געהערט.

— נאָר ניט, האָט זי מאַניאָ'ן בערוהיגט: אַלע שוועסטער דערזעהענדיג דיך נאָך גאַנץ פריה ביי דעם געבעט־זינגען, האָבען דיך ליעב בעקומען און וואָלטען געוואָלט דו זאָלסט בלייבען מיט זיי; האָבען זיי מורא, אַז דו וועסט ניט וועלען, — און זי האָט אַקוק געטהון צו די שוועסטער, וועלכע זענען זיך איינציגווייז צוגאַנגען.

די שוועסטער מאַריאַ מיט מאַניאָ'ן זענען אַריין אין גאָרטען און שפּאַצירענדיג האָט זי מאַניאָ'ן דערצעהלט דאָס גרויסקייט פון דעם מאָנאַסטיר, אַז ער איז געבויעט געוואָרען צוריק מיט פיער הונדערט יאָהר, זי האָט אָנגערופען פיעל בעוואוסטע היסטאָרישע נעמען, וועלכע האָבען דאָ געוואָהנט אָדער בעזוכט דעם מאָנאַסטיר. אין פערשיעדענע מלחמות פון פערשיעדנע צייטען איז מען עטליכע מאָל אויפ'ן מאָנאַסטיר אָנגעפאַלען, עס האָט שוין געהאַלטען, אַז פון דעם מאָנאַסטיר זאָל מען אַתל מאַכען, נאָר די „שוועסטער" האָבען יעדעס מאָל איהם פערטיידיגט און פיעל זיגען אומגעקומען.

ביים געזעגענען זיך נאָך דעם שפּאַציער, האָט די שוועסטער איהר געזאָגט:

— געה זיך, מיין קינד, אָבּרוהען. אויף דער נאַכט וועל איך דיך פיהרען אַנק קען אונזער מאָנאַסטיר.

עלפטעם קאפּיטעל.

צווישען פרעמדע.

פֿאַרנאַכט ווען די זון האָט זיך נאָר וואָס אײַנגעהויבען זעצען, האָט זיך מאַניאַ דאָס ערשטע מאָל געפֿונען אַליין אין צימער.

— ענדליך אַליין, האָט זי צו זיך געזאָגט צונויפנעהמענדיג איהרע געדאַנקען—גאָט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, ווי לעבט מען שוין איבער די נאַכט, איך זאָל פֿון דאַנען בעפֿרײַט ווערען.

די האָפֿענונג האָט איהר אויף אַ מינוט ניט אָבגעלאָזט, אַז עס וועט זיך עפֿענען די טהיר און עס וועלען אַרײַנקומען איהר פֿאָטער, איהר מוטער אָדער חיים.

— ער האָט דאָך מיך אַזוי ליעב און איך האָב איהם פֿערביטען אויף דעם לזדוויגען.

אונטער דעם וואָרט „דעם" האָט זי געוואָלט אויסדריקען איהר גאַנצען כעס, איהר גאַנץ עקעלהײַט צו איהם און פֿאַר איהר האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דאָס שרעקליכע בילד פֿון דער פֿערגאַנגענער נאַכט, ווען ער האָט זי אַ פֿעריחלשטע פֿערפֿיהרט ערגיץ אין אַ דאָרפֿיש הײַזעל און שפעט בײַנאַכט ווען זי האָט זיך ניט אויסטהוענדיג זיך צוגעשפּאַרט פֿון גרויס מידקײַט אויף אַ בעשעל, איז אַרײַן לודוויג, וועלכען זי האָט פֿריהער אַזוי ליעב געהאַט און שטענדיג געגלויבט אין זײַנע גוטע ווערטער, האָט זיך איצטער ווי אַ ווילדע

היה ארויפגעווארפען אויף איהר, און זי מיט איהרע אלע קרעפטען האט איהם אזוי אפגעשטויסען פון זיך און געמאכט א געוואלד, אז אלע אין הויז זענען זיך אנגעלאפען און ווען ניט יאן זאל זי געוועזען אפגעראטעוועט פון לודוויג'ס הענד, ווער ווייסט, וואס עס וואלט שוין מיט איהר געווארען?

און ווען יאן איז מיט איהר אליין געבליבען האט ער איהר פארגעלעגט, אז זי זאל שרייבען א צעטעלע צו איהרע עלטערען און ער וועט עס שוין צושטעלען און זי האט אזוי געטהון.

און זי ווארט און גלויבט, אז די עלטערען וועלען זי געפינען.

זי געדענקט, אז ווען זי האט יאנ'ען געבעטען ער זאל זי אפפיהרען אהיים, האט ער געענטפערט:

— דאס קען איך ניט טהון, איך קען נאר בסוד סודות איבערגעבען א צעטעלע אייערע עלטערען.

און ווען זי האט איהם געפרעגט:

— וואו געפין איך זיך? איך וויל שרייבען מיינע עלטערען, זיי זאלען וויסען וואו מיך אויפצוזוכען. האט יאן געענטפערט:

— דאס טאר איך ניט זאגען, און זי האט נאר אנגעשריבען א פאר ווערטער אז זי געפינט זיך פערשלאסען אין א צימער און בעט מען זאל זי ראטעווען.

צו יאן האט צוגעשטעלט דאס צעטעלע איהרע עלטערען, ווייסט זי ניט. און פון נעכטען אן האט זי איהם שוין ניט געזעהען.

— יאן האט געוויס אפגעגעבען דאס צעטעלע איהרע עלטערע. יאן איז דאן געווען אזוי גוט צו איהר.

יאַנ'ס גוטסקייט איז געווען פֿאַר איהר אַ רעטעניש, זי האָט עס ניט פֿערשטאַנען.

— האָט ער מיך געוואָלט ראַטעווען, האָט ער מיר בעדאַרפֿט זאָגען וואו איך געפֿין זיך.

זי האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן איבער דעם צימער און זיך אַלע מאָל מיט ביידע הענד גע־כאַפּט ביים קאָפּ.

— איך פֿערשטעה גאָר ניט! איך פֿערשטעה גאָר ניט!

מאַניאַ איז געווען זעהר צופֿריעדען וואָס מען האָט זי געלאָזט אַליין.

איהר גאַנץ לעבען, איהר גאַנצע פֿערגאַנ־גענהייט איז איהר איצטער פֿאָרגעקומען ווי אין אַ פּאַנאָראַמע.

זי געדענקט זיך נאָך אַלס קינד ווי זי פֿלעגט אַרומלויפֿען נעבען דער שטוב, נעבען דער מיהל, פּליוסקען זיך מיט די פֿיסלעך ביים ברעג פֿון טייכעל. אַלע אין דאָרף האָבען זי ליעב געהאַט, אַלע האָבען זיך געניאַנטשעט מיט איהר. דער טאַטע איז זעלטען געווען צו הויז אָדער ער איז געלעגען אין מיהל אָדער ער איז אַרומגע־פֿאָהרען איבער די דערפֿער און די מאַמע מיט דער באָבע זענען שטענדיג געווען פֿערנומען, שטענדיג האָבען זיי געקרעכצט און געזיפֿצט, קיין שמייכעל האָט זי קיין מאָל ניט געזעהן, אַ גוט וואָרט האָט זי זעלטען געהערט. און דאָרטען, דאָר־טען אַ קעגען—אין ווייסען הויז איז שטענדיג גע־וועזען ליכטיג, שטענדיג איז דאָרטען געוועזען פֿרעהליך, מענשען האָבען געלאַכט.

ניט איין מאָל, ווען עס האָט אין אַלע פֿענ־סטער אַזוי ליכטיג געלויכטען, פֿלעגט מאַניאַ אי־בערלויפֿען דעם בריקעל איבערן טייכעל צו דעם

װײַסען הויז, שטעלען זיך אויף די שפּיץ פֿינגער און אַרײַנקוקען אין פֿענסטער און דאָרטען איז געװעזען אַזוי שען, אַזוי גוט, אַ מחיה. געזונטע שטאַרקע אָנגעגעסענע מענשען, אַ סך געסט...

אַזוי לאַנג פֿלעגט זי שטעהן בײַם פֿענסטער, ביז עס פֿלעגט אָנלויפֿען די מאַמע אָדער אַן עלטערע שװעסטער און פֿאַר די צעפּלעך זי שלעפּען אַ הײם.

— דאָס גאַנצע דאָרף האָט מען די שוין אויסגעװעלט און זי איז גאָר דאָ! פֿלעגט מען אויף איהר אָנשרײַען.

און מאַניאַ פֿלעגט קומען אַ הײם װאו עס איז אַזוי פֿינסטער, די גאַנצע שטוב באַלײַכט אײן קלײן לעמפּעל און שװאַרצע גרויסע שאָטענס באַדעקען די װענד.

דער טאַטע עסט װעטשערע און פֿערזיפֿצט יעדען ביסען, װאָס ער נעהמט אין מויל, די מאַמע קלאָגט זיך שטענדיג, אַז עס טהוט זי עפּעס װעה. די באָבע זיצט אין אַ װינקעל אײַנגעהויקערט אין דרײַען און קוקט מיט שרעקליכע אויגען אויף דער גאַנצער שטוב.

צװײ עלטערע שװעסטער, װאָס האָבען שוין מענער מיט קינדערלעך זענען אויך דאָ, זײערע מענער זענען נאָך יונגע לײַטלעך נאָר בלאַסע, שװאַכע, דערשלאָגענע. די קינדערלעך אָדער שלאָפֿען אָדער זײ װײנען.

און מאַניאַ'ן כאַפּט אָן אַ שרעק, זי האָט מורא און טראַכט װעגען דעם שענעם װײַסען הויז מיט די פֿרעהליכע געזונדטע און גוטע מענשען, װעלכע זענען שטענדיג דאָרטען פֿרעהליך.

װען מאַניאַ איז אונטערגעװאַקסען און האָט אָנגעהויבען בליהען, האָבען אַלע אין דאָרף בע-

מערקט איהר שענקייט. דעם עקאָנאָמס פֿאַמיליע האָט איהר ליעב בעקומען און אָפֿטמאָל פֿלעגען די „פּאַנעס“ זיצען מיט איהר ביי דער טהיר און פֿערברענגען. שפּעטער האָט מען זי אָנגעהויבען לערנען לעזען און שרייבען.

און אין אַ קורצע צייט איז מאַניאַ, ווי אין דאָרף פֿלעגט מען זאָגען, געוואָרען אַנ'אמת'ע „פּאַנע“, „אַז מען האָט גאָר ניט געקענט דער־קענען אַז עס איז אַ יודיש קינד“.

נאָך שפּעטער האָט דעם עקאָנאָמס פֿאַמיליע מאַניאַ'ן אַריינגעבעטען צו זיך אין ווייסען הויז און פֿלעגען מיט איהר אָפֿט פֿערברענגען.

נאָך שפּעטער, פֿלעגט מען מאַניאַ'ן איינ־לאַדען אויף די אָבענדען—אויף די געבורטסטאַגען גלייך מיט אַלע געסט.

און די געסט פֿלעגען אָנקוועלען פֿון מאַניאַ'ס שען אויסזעהן, פֿון איהר רעדען און פֿון איהר בענעהמען זיך.

און די „פּריצים“ פֿון די אַרומיגע דערפֿער, ווען זיי פֿלעגען זיך בעגעגענען מיט ר' לייזער שרה'ס, פֿלעגען זיי איהם זאָגען:

— נו, לייזער, האָסטו עס אַ טעכטערעל, אַז זי מעג אָנשטעהן אין גרעסטען פּריצישען הויז!

ר' לייזער שרה'ס פֿלעגט עס אויסהערען מיט פֿיעל נחת און דערנאָך זיך בעריהמען פֿאַר זיינע בעקאַנטע:

— מיין מאַניאַטשקע קאָן זיך אויס'טענה'נען מיט דעם גרעסטען פּריץ, זי איז שוין ביי מיר אַ פֿאָלנע מענש.

אומעטום פֿלעגט ר' לייזער שרה'ס שטאָל־צירען מיט זיין מאַניאַ'ן, וועלכע איז גאָר ניט ענהליך אויף זיינע איבעריגע קינדער.

אין צימער האָט שוין אָנגעהויבען טונקעלער ווערען, זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אין גאָרטען, זי האָט אָנגעהויבען פערטרייבען די געדאַנקען וואָס האָבען אויפגעהעקט איהר פערגאַנגענהייט נאָר זי האָט די געדאַנקען ניט געקאָנט אָפּטרייבען.

„אָרעמער טאַטע! — האָט זי מיט אַ זיפץ געזאָגט, — פריהער האָט ער שטאָלצירט מיט זיין מאַניאַ'ן און איצטער וועט ער זיך דאַרפען שעמען".

און נייע געדאַנקען האָבען איצט פערנומען איהר מוח: ווי אַזוי וועט זי מאָרגען קאָנען קומען צוריק אַהיים. זי וועט דאָך די גאַס ניט קאָנען איבערגעהן פון גרויס בזיון.

— נאָר זאָל שוין זיין, וואָס זאָל זיין.

און ווידער האָט מאַניאַ געטראַכט וועגען דעם מאָרגענדיגען טאָג, ווען זי וועט שוין זיך בעפרייען.

עס האָט זיך געעפענט די טהיר און עס איז אַריינגעקומען אַ פרוי מיט אַ אָנגעצונדענע לאָמפּ אין די הענד.

— און איהר זיצט אַליין אין דער פינסטער — האָט זי געזאָגט — ווייסט איהר, אַז דאָ האָבען געפרעגט אויף אייך אַ יוד מיט אַ יודענע, זיי זאָגען אַז זיי זענען אייערע עלטערען. — עס קאָן ניט זיין, אַז אַזעלכע ברודיגע מענשען זאָלען זיין עלטערען פון אַזאַ געטליך שענעקע ווי דו ביזט.

מאַניאַ, אַ ציטערדיגע, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איהר אָרט..

צוועלפטעס קאפיטעל.

א נאכט.

מאניא האט די פרוי ארומגעכאפט און די אנגעהויבען קושען.

— זאג מיר, ליעבע, איהר האט געזעהן מיינע עלטערען? וואו זענען זיי איצטער, לאזט זיי אריין צו מיר, איך וויל זיי זעהן, קומט לאמיר געהן צו זיי.

— גאט איז מיט דיר, וואס איז דיר איינגעפאלען, איך האב זיי ניט געזעהן, איך האב נאר געהערט, איך בעט דיך דו זאלסט קיינעם ניט זאגען, אז איך האב דיר דערצעהלט, איך האב ניט געוואוסט, אז דו ווילסט זיי זעהן, מען האט מיר דערצעהלט, אז דו ביזט אנטלאפען פון זיי, ווי פון א גיהנם האסטו זיך פון זיי ארויסגעכאפט און דו ביזט געקומען צו אונז.

— ווער האט דיר געזאגט אזעלכעס? איך האב ליעב מיינע עלטערען ווי מיין לעבען און מארגען פאהר איך א היים.

— מארגען פאהרסטו שוין א היים? האט די פרוי פערוואונדערט געפרעגט און אנגעשטעלט אויף מאניא'ן א פאר דערשראקענע אויגען.

— אודאי מארגען, וואס דען? דא וועל איך בלייבען, וואס האב איך דא צוטהון?

— איך פערשטעה גאר ניט וואס דא קומט פאר, אליב אזוי וואס האט דא אזא זינדיגע צוטהון אין אונזער היילינ הויז.

די פֿרוי האָט מאַניאַן אָנגעהויבען קושען די הענד און זי נאָך אַמאָל געבעטען זי זאָל קיינעם ניט איבערגעבען, אַז זי האָט זיך פֿון איהר דערוואוסט, אַז איהרע עלטערן זענען דאָ געווען.

— איך וועל ניט דערצעהלען, זאָג מיר נאָר וואו זענען זיי איצטער.

— איך ווייס ניט, זיי וועלען דאָ מאָרגען אויך געווים קומען, נו, אַ גוטע נאַכט, איך ברויך געהן, איך האָב נאָך גענוג אַרבייט.

די פֿרוי איז אַוועקגעגאַנגען און מאַניאַ האָט זיך אַביסעל בערוהיגט.

— געווים וועלען זיי קומען מאָרגען, ווייל... ווילען מיר צוזאַמען פֿאָהרען אַ היים. עס ווייזט אויס, אַז זיי האָבען בעקומען מיין צעטעלע און האָבען מיך געפֿונען. גוטער, אָרענטליכער יאַן! ער האָט זיי טאַקע מיין צעטעלע אָבגעגעבען.

עס איז אַריינגעקומען די שוועסטער מאַריאַ מיט אַ טאַץ [illegible] זאַפּען און אויף וועלכע עס איז אויך געשטאַנען צוויי גלעזער טיי.

— עס איז דיר לאַנגווייליג, מיין קינד, איך בין געקומען צו דיר דו זאָלסט ניט זיין אַליין.

מאַניאַ האָט זיך דערפֿרייט מיט דער „גוטער" שוועסטער און האָט זיך געטראַכט אפֿשר וועט זי איהר עפּעס דערצעהלען וועגען איהרע עלטערן, ווען יענע פֿרוי וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם לאָמפּ ווייסט, זי דאָך אוודאי אויך, און מאַניאַ האָט ערוואַרטעט, אַז די שוועסטער „מאַריאַ" זאָל אָנהויבען דערצעהלען וועגען דעם בעזוך פֿון איהרע עלטערן.

נאָר די שוועסטער האָט זי איינגעלאַדען זיך זעצען בײַם טישעל וואָס איז געשטאַנען נעבען פֿענסטער און איהר פֿאָרגעלעגט, טרינקען טיי און

פערבייסען פון די גוטע זאכען.

דאס פענסטער איז געווען אפען און א גוטער מחיה'דיגער ריח פון דעם גרויסען גארטען האט געטראגען אין צימער.

— זעה נאר וואס פאר א שענע נאכט היינט איז, האט זיך די שוועסטער אנגערופען און ארויסגעקוקט פון פענסטער.

און עס איז ווירקליך געווען א שיינער אויסגעלייטערטער בלויער הימעל און די נאך יונגע לבנה פון די ערשטע טעג פון חודש האט געשפאצירט און עס האט זיך אויסגעוויזען, אז זי איילט זיך ערגעץ אין א נייטיגען גאנג.

— נאך דער טהיי וועלען מיר ווידער אביסעל געהן שפאצירען אין גארטען, האט זיך אנגערופען די שוועסטער, איצטער איז דארטען קיינער ניטא און אין אזא נאכט האב איך שטענדיג ליעב צו שפאצירען אין גארטען, ווען די ביימער סוד'ן זיך שטיל און לויבען גאט פאר זיין שענער נאכט, פאר דער לבנה און שטערען, וועלכע בעלייכטען גאט'ס שענע וועלט. ווייסטו מיין קינד, אז אלעס, וואס לעבט אויף דער וועלט, דאווענט יעדען פריהמארגען און יעדען אבענד פאר דעם, וואס לעבט אייביג, אפילו די ביימער און דאס גראז און אלעס, וואס וואקסט.

— און אפילו דער טייך,—רופט זיך פלוצים אן מאניא אנקוועלענדיג פון דער שענער נאכט. ביי אונז אין דארף לויפט א קליין טייכעל, און אין די שיינע זומערדיגע לבנה-נעכט פלעג איך ליעב האבען זיך אראפלאזען פון אונזער בערגעל, וואו עס געפינט זיך אונזער הייזעל, איך פלעג געהן אראפ, אראפ ביז איך פלעג קומען צו אונזער טייכעל, און איך פלעג זיך זעצען אויף א

שטיין, וואו בייטאג וואשען די דארפישע בעל הבית׳טעס וועש, איך פלעג זיך זעצען אויף דעם שטיין, און שטיל איז דאן געווען, איך פלעג דאן הערען דאס זיסע קול פון מיין פאטער, וועלכער האט מיט א שטילען זיסען נגון געדאווענט מעריב און דאס שטילע רוישען פון טייכעל פלעג איך הערען, און עס פלעגט זיך מיר אויסווייזען, אז דאס טייכעל דאווענט אויך מעריב צוזאמען מיט מיין טאטען...

— מיין ליעב קינד! — האט די שוועסטער זי ארומגעכאפט און א קוש געגעבען, דו האסט א זעלטענע ריינע שענע נשמה, וועלכע קען מיט תפילות דערגרייכען ביז אין די הימלען, דו זאגסט אמת, טייכען און ימים דאווענען און לויבען גאט אויך.

א פאר מינוט זענען זיי געזעסען שטיל, און איינע דער צווייטער קיין ווארט ניט געזאגט.

די שטילע נאכט האט זיי ביידען געצויגען ערגעץ ווייט־ווייט.

— אין אזעלכע נעכט איז אונזער דארף אזוי שען, — רופט זיך פלוצים אן מאניא: — א, ווי וואלט איך איצטער געוואלט זיצען נעבען אונזער טייכעל, וועלכעס רעדט און דאווענט געוויס איצטער אין אזא נאכט אזוי שען. מארגען אין דער צייט וועל איך שוין געוויס דארטען זיין, א יא, שוועסטער מאריא?

— יא, מיין קינד, קום לאמיר געהן איצטער שפאצירען צוזאמען אליין אין גארטען, קום!

— ניין, אין אזעלכע נעכט האב איך אזוי ליעב דאס שטילקייט, אז איך האב אפילו ניט ליעב צו הערען מיינע אייגענע טריט, דא איז אזוי גוט, אזוי שטיל, א פערגעניגען איצט צו זיצען

נעבען פענסטער און אַרויסקוקען אין דרויסען.

זיי זענען ווידער שטיל אָהן ווערטער געבליבען זיצען נעבען פענסטער.

אין דער גרויסער שטילקייט האָט זיך פלוצים געהערט אַ שען הארצרייסענדיגעס זינגען פון געצעס.

— אַך, ווי שען! וואָס פאַר אַ ליעב געזאַנג: די זיסע שטימען צוגעהען זיך איבער דעם האַרצען—האָט מאַניאַ געקוואָלען.

— דאָס דאַוונען אונזערע שוועסטער און לויבען דעם נאָמען וואָס לעבט איביג—און די שוועסטער האָט זיך געשטעלט אויף די קניע, פערלעגט די הענד, און מיט פערגלאָצטע אויגען האָבען אירע ליפען אָנגעהויבען שעפטשען, שטילע ווערטער.

דאָס זינגען האָט זיך אַלע מאָל געהערט העכער און העכער און דערנאָך נידעריגער און נידעריגער ביז עס איז אינגאַנצען שטיל געוואָרען, דערנאָך איז די שוועסטער מאַריאַ אויפגעשטאַנען פון איהר קניען און האָט איהר געזאָגט:

— איצט האָב איך געבעטען פאַר דיר, מאַניאַ, דעם וואָס לעבט איביג, ער זאָל מוחל זיין דיינע אַלע זינד, ער זאָל דיין האַרץ ווייכער מאַכען, אז דו זאָלסט געהן אין גוטען וועג.

— בין איך דען אַזוי זינדיג?—האָט מאַניאַ געפרעגט.

— דו ביזט אונשולדיג און דעריבער פערשטעהסטו ניט דיינע זינד, ווען דו זאָלסט פערשטעהן, וואָלסטו איצט צוזאַמען מיט מיר געבעטען גאָט, ער זאָל דיר מוחל זיין, איך בין היינט אין אָבענד ניט געגאַנגען מיט אַלע שוועסטער אין קלויסטער, ווייל איך האָב געוואָלט מיט דיר צו-

זאָמען בעטען זײַן ליעבען נאָמען. ווען איך האָב געקניעט, האָב איך ניט געזעהן אין דיר קײַן בע־דערפעניש, אויך זיך צו שטעלען אויף די קניע פאַר דעם האָס לעבט אייביג.

— שוועסטער, וואָס רעדט איהר? איך בין דאָך אַ ייִדיש קינד...

— דו ביזט אַ זינדיגע, מאַניאַ.

אין מיטען די רעד איז אַרײַנגעקומען אין צימער די פריהעריגע פרוי און געזאָגט:

— אונזער עלטערע שוועסטער אירינאַ, האָט אײַך באַלד געלאָזט בעטען צו זיך.

— געווים וואַרטען אויף מיר דאָרט מײַנע עלטערען, האָט מאַניאַ מיט פרייד געזאָגט.

די שוועסטער מאַריאַ און די פרוי האָבען זיך דערשראָקען, אומגעקוקט און זענען אַלע דרײַ אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

דרייצעהנטעם קאפּיטעל.

בּיי דער שוועסטער „אירינא".

הײַנט האָט מען מאַניאַן אַרײַנגעלאָזט אין די צימערען פון דער עלטסטער שוועסטער „אירינא", אין „מאַריא" מיט דער פרוי אַרײַנגעגאַנגען אין אַ בּעזונדער צימער.

— נו, האָסט איהר געזאָגט, אַז איהרע עלטערען זענען דאָ געווען פרעגען אויף איהר?

— יאָ.

— וואָס פאַר אַיין אײַנדרוק האָט עס געמאַכט אויף איהר?

— זי האָט זיך זעהר דערפרעהט און האָט שוין געוואָלט לויפען צו זיי. איך האָב איהר געבּעטען, זי זאָל קיינעם ניט איבּער געבּען, אַז איך האָב דערצעהלט וועגען איהרע עלטערען.

— זעהר גלײַך האָסטו געטהון, זאָל זי מיינען, אַז מיר ווייסען ניט, אַזוי ווי זי זעהט ניט איהרע אויערען, אַזוי וועט זי שוין ניט זעהען איהרע עלטערען, אויף אונזער שוועסטער אירינא קענען מיר זיך שוין פערלאָזען, אַז זי וועט מוזען פערגעסען אין איהרע עלטערען.

— און וואו זענען יעצט איהרע עלטערען?

— זיי זענען צוריק אַוועקגעפאָהרען, מען האָט זיי פערזיכערט, אַז זייער טאָכטער איז בּיי אונז ניטאָ.

— און טאָמער גלויבּען זיי ניט, און וועלען קומען מיט פּאָליציי?

— די שוועלען פון אונזער מאָנאַסטיר האָט

נאך פאליציי ניט איבערגעטרעטען.

— מען וועט זי דארפען פון דאנען איבער-פיהרען אויף יעדען פאל.

— איבערפיהרען זי, איז געפעהרליכער, ווי זי זאל בלייבען דא.

— דא, האב איך מורא פאר א געפאהר.

— האב קיין מורא ניט. ווען חס ושלום דאס געפאהר וועט זיין נאהענט, וועלען מיר זי אויס-באהאלטען אין אונזערע קעלערס, אהין וועט אפילו דער רוח ניט קענען קומען, וועט אונז אבער געלונ-גען זי איבערצורעדען, זי זאל מיט איהר איינענעם ווילען געהן צום שמד, דאן האבען מיר שוין קיין מורא ניט, ווען אפילו איהרע עלטערען זאלען זיך דערוויסען. זיי רוהיג, אזא ליעב קינד, ווי אונזער צוקונפטיגע שוועסטער מאניא, האלען מיר שוין ניט ארויסלאזען.

— נו, מען דארף אריינגעהן צו אונזער על-טערע שוועסטער זעהן וואס מאכען זיי דארטען, און די בלייב ביי זיך אין צימער, אפשר וועט מען דיך דארפען.

אין א רייכע בעפוצטע גרויסע זאלע, מיט א נידעריגע סטעליע ווי א קופאל, ווי עס איז געבויעט די פארצייטיגע געביידעס, און מיט אלטע מאלעריי, און מיט פיעל היילינגע בילדער אויף די וואנד, ביי א בוימעל-לאמפ פון פערשיעדענע קאליערען פייער, איבערגעדעקט מיט א זיידענעם אבאזשור, איז געזעסען א פרוי פון א יאהר זעכציג מיט גרויע זילבערנע האהר, אבער א דאנק איהר פארביג גע-זיכט און איהר גלייכע שטאלצע וואוקס, האט זי אויסגעזעהן א סך יונגער פון איהרע יאהרען.

זי איז געזעסען און גערעדט מיט א שטימע, וועלכע איז געוואוינט צו בעפעהלען, נאר מיט מא-

ניאַן האָט זי געדעט אַזוי זיס צוקערדיג און מיט אַזאַ ליעבען שמייכעל, אַז מאַניאַ וועלכע האָט זיך אין אָנהויב ניט געפינען היימיש און זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען, האָט זיך בערוהיגט, און רוהיג געענטפערט אויף אַלע איהרע פראַגען.

— זאָג מיר מיין קינד, ווייסטו חאָטש, ווי גליקליך דו דאַרפסט זיך שעצען, וואָס דו געפינסט זיך מיט אונז צוזאַמען אונטער דעם דאַך, וועלכער בעשיצט אונז פון אַלדאָס בעז און פון דער בלאָטיגער זינדיגער וועלט. פיעל זענען דיך מקנא, ניט יעדער איז זוכה דערצו.

מאַניאַ האָט געשוויגען און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, זי האָט געקוקט מיט איהרע שענע אויגען מיט אַזאַ אונשולדיגען בליק, אַז די שוועסטער „איריגאַ“ איז גערידהרט געוואָרען און זיך זאָט ניט געקענט צוקוקען אויף מאַניאַ׳ן.

— דו ביזט נאָך אַ ריין אונשולדיג מלאך׳ל און אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָלט געוועזען, ווען דו זאָלסט אַוועק פון אונז. זאָג מיר נאָר, מיין קינד, וואָס האָט דיך געבראַכט צו אונז?

— לודוויג האָט מיך פערפיהרט, און ווי אַזוי איך בין דערנאָך געקומען — ווייס איך אַליין ניט.

— איך ווייס אַ ביסעל די אורזאַכע פון דיין קומען צו אונז, וועגען דיר האָב איך שוין לאַנג געהערט, אָבער איך האָב פון דיר זעלבסט געוואָלט הערען. דו זאָגסט, אַז לודוויג האָט דיך פערפיהרט, די ביזט דאָך פאָרט ניט קיין קליין קינד, מען זאָל דיך מיט געוואַלד נעהמען, לודוויג האָט נאָר געוואָלט דיך גליקליך מאַכען, וואָס וואָלט פון דיר געוואָרען, ווען דו זאָלסט געווען בלייבען ביי דיינע אָרעמע עלטערען? דיינע

עלטערען וואלטען דיך אזוי אומגליקלעך חתונה געמאכט, ווי דיינע עלטערע אומגליקליכע שוועסטער.

— איהר ווייסט אלעס, ווער האט אייך דערצעהלט? האט מאניא פערוואונדערט געפרעגט.

— און וואס האסטו, נאריש קינד, געמיינט, אז יעדער, ווער עס וויל, קען אריינקומען צו אונז, עס איז דא רייכע און פירשטליכע קינדער, וואס מיר נעהמען ניט אזוי גרינג אן אין אונזער גאטס הויז. מיר נעהמען נאר אויסדערוועהלטע. איך מוז דיר זאגען, אז איך האב זעהר פיעל גוטס און שענעס געהערט וועגען דיר, און אזעלכע ווי דו וואלט געוועזען פאר אונז די געוואונשטע און ליעבסטע שוועסטער. אבער צו מיין גרעסטען טרויער האב איך זיך היינט דערוואוסט, אז דו ווילסט צוריק אהיים.

— יא, האט זי מיט א פערשטיקט קול אויסגערעדט.

— יא, זאגסטו? עס איז שוין אבער פערפאלען.

— פערפאלען — האט זיך מאניא א האלב טויטע אויפגעחאפט פון איהר ארט און באלד געבליבען זיצען מיט אבגעלאזטע הענד אויף דעם זעלבען ארט.

— שרעק זיך ניט, מיין ניט, אז מיר ווילען דיך ניט אבלאזען, אויב דו ווילסט מיט אונז ניט בלייבען, וועלען מיר דיך ניט האלטען, אבער אונזער הייליגער חוב איז, אז ווי באלד עס געפינט זיך ווער אונטער אונזער דאך, מוזען מיר איהם שיצען מיט אלע אונזערע קרעפטען פון יעדען אומליק, וואס שטעהט פאר. און דיר, מיין קינד, שטעהט פאר די גרעסטע אום-

גליקען, ווען מיר זאָלען דיר אָהן שוין אָבּ־
לאָזען.

— אומגליקען? פאַר וואָס? פון וואַנען קען איך ערוואַרטען אומגליקען, איך בין אַזוי אויך גענוג אומגליקליך...

— מען האָט מיר געזאָגט, און ווי דו זאָגסט איצטער אַליין. ווילסטו קומען צוריק צו דיינע על־טערען, ווייסטו, מיין קינד, וואָס דיר שטעהט דאָרטען פאָר?

— ליעבע, ליעבע פון עלטערען.

— האָסטו אַ גרויסען טעות, די זעלבע על־טערען, וואָס האָבען דיר פריהער אַזוי פיעל ליע־בע בעוויזען, וועלען דיך איצטער פייניגען מיט אַלע ענויים קשים, וואָס שלעכטע מענשען קענען נאָר אויסטראַכטען, דיינע שענע האָהר וועט מען פון דיין שענעם קאָפּ אויסרייסען איינציגווייז, לאַנגזאַם, מען וועט דיר אויסברענען איין אויג, מען וועט ברענען דיין לייב מיט גליה־אייזענס.

— וואָס רעדט איהר? מיינע עלטערען וועלען דאָס טהון מיט זייער קינד? ניין, איך קען זיי.

— אָ, דו האָסט זיי געקענט פון פריהער, ווען זיי האָבען דיך גערעכענט פאַר זייער געטריי קינד, אָבער איצטער, נאָך דעם ווי דו האָסט זיך שוין געפונען ביי אונז, וועלען זיי זיך וועלען אין דיר נוקם זיין און טהון דיר אַלעס שלעכטס, און אויב אפילו ווי דו זאָגסט, וועלען דיינע עלטע־רען דיר קיין שלעכטס ניט טהון, וועלען זיי עס מוזען טהון, ווייל דער רב מיט דעם קהל וועלען זיי הייסען.

מאַניאַ'ן איז פלוציים ניט גוט געוואָרען. זי איז אַראָבגעפאַלען פון איהר שטוהל. מען האָט זי אָנגעהויבען מינטערען.

פיערצעהנטעס קאפיטעל.

אין די קעלערס פון מאנאסטיר.

אויף מארגען איז מאניא ניט ארויס דעם גאנצען טאג פון איהר צימער, זי האט זיך געפילט ניט געזונד און די שוועסטער „מאריא" איז פון איהר ניט אבגעטרעטען.

ערשט פארנאכט זענען זיי ווידער געגאנגען שפאצירען אין גארטען.

לאנג האבען זיי דעם אבענד געשפאצירט און די שוועסטער האט ניט אויפגעהערט צו רעדען וועגען די שרעקליכע ענוים קשים, וואס עס שטעהט מאניא'ן פאר פון די יודען און פון איהרע עלטערען, ווען זי וועט זיך אומקעהרען אהיים.

— איך גלויב ניט, האט מאניא געענטפערט, מען זאל מיר שלעכטס טהון אין דער היים. מיין אומקעהרען זיך וועט אודאי זיין א גרויסער בזיון פאר מיינע עלטערען און פאר מיר, עס וועט געוויס אוועקגעהן א לאנגע צייט, ביז מען וועט אין מיין ענטלויפען פערגעסען, אבער קיין שלעכטס וועט מען מיר ניט טהון.

נאר די שוועסטער האט איהר דערצעהלט וועגען א יודיש מעדעל וואס איז אנטלאפען פון מאנאסטיר און אין דער היים האט מען זי אזוי געפייניגט, אז זי איז גא צעוואונדעטע געקומען צו-

לויפען צוריק אין מאָנאַסטיר.

— און זי געפינט זיך דאָ?—האָט מאַניאַ געפרעגט.

— אָ, ניין, זי איז שוין לאַנג געשטאָרבען און זי ליגט אין אונזערע קעלערס, צווישען אַנדערע קברים פון הייליגע און שוועסטער.

מאַניאַ האָט אַ ציטער געטהון.

— דאָ געפינט זיך אַ בית־הקברות?

— זייט הונדערטער יאָהרען. די הייליגע קברים בעשיצען אונזער מאָנאַסטיר און אונז אַלע פון אַלדעם בעז און שלעכטס. דו האָסט נאָך ניט געזעהען אונזער מאָנאַסטיר. מיר וועלען דיר נאָך ווייזען. פיעל, אין פון ווייטע געגענדען קומען צו אונז, צו די הייליגע קברים.

— וואו זשע געפינען זיי זיך?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט—אין די קעלערס—און זי האָט איהר אָנגעוויזען אין דער זייט וואו עס געפינט זיך מאַניאַ'ס צימער.

— וואו? אָט דאָ, אונטער דער געביידע וואו עס געפינט זיך אויך מיין צימער? האָט מאַניאַ געפרעגט מיט שרעק.

די שוועסטער האָט געשוויגען.

— אונטער מיין צימער געפינען זיך קברים? איך וועל מעהר אהין ניט געהן שלאָפען. איך בעט אייך, שיקט מיך אָב אהיים—האָט זי מיט טרערען אין די אויגען געבעטען.

— ביזט נאָך גאָר אַ נאַריש קינד, וואָס האָסטו דאָ מורא? מיר וואָהנען דאָך דאָ אַלע אַזוי, אַפילו אונזער עלטערע שוועסטער אויך.

— איך האָב אָבער מורא, איך האָב נאָר איין מאָל אין מיין לעבען געזעהען אַ מת, און פון

דענסטמאָל אָן האָב איך מורא פאַר מתים. לאָזט מיך אַרויס פון דאַנען, איך וועל דאָ ניט נעכטיגען, איהר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז היינט אין דער פריה וועל איך פאָהרען אַהיים.

— ווי האָסטו געקענט פאָהרען, אַז דו האָסט זיך געפיהלט ניט ביים געזונד?

— וועל איך איצטער פאָהרען.

— ביי נאַכט וועלען מיר דיך ניט לאָזען.

עס האָט זיך געהערט טריט און די שוועסטער „מאַריאַ“ האָט געזאָגט מאַניאַ'ן:

— דו זעהסט, אָט געהען אונזערע שוועסטער.

זיי האָבען אויפגעהערט צו רעדען. פאַרביי איז דורכגעגאַנגען פּאָרווייז, די „שוועסטער אירינאַ“ און נאָך איהר, עטליכע יונגע שוועסטער מיט לאַמ-טערענס אין די הענד.

— זעהסט, מאַניאַ, דאָס געהען זיי צוליעב דיר. מען וויל דיר ווייזען אונזער מאָנאַסטיר. ניט יעדער האָט אַזאַ זכיה. ווייזט אויס, אַז דו ביזט שטאַרק געפעלען אונזער עלטערע שוועסטער.

און אַזוי רעדענדיג, האָט זי אָנגענומען מאַ-ניאַ'ן פאַר דער האַנד און זי מיט זיך מיטגעצויגען נאָך די שוועסטער מיט די לאַמטערענס.

מאַניאַ איז פון מורא און דרך ארץ פאַר דער עלטערער שוועסטער ניט ווילענדיג נאָכגע-גאַנגען.

פאַרבייגעהענדיג דעם גאָרטען, זענען זיי דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען הויף, וואו עס האָבען זיך געפונען פיעל געביידעס.

מאַניאַ האָט זיך געוואונדערט, וואָס קיין לע-בעדיגען מענשען האָט מען אויף דעם הויף ניט בעגעגענט. און וועך ניט די פייערלעך, וואָס האַ-בען געשיינט אין הונדערטער פענסטער, וואָלט מען

געמיינט, אז דאס בית הקברות געפינט זיך ניט נאר אין די קעלערס, נאר דא אין דעם הויף.

די שוועסטער האבען געהענדיג געשעפשעט מיט די ליפען, עס האט אויסגעזעהען, אז זיי האבען שטילע תפילות געזאגט.

פערבייגעהענדיג פיעל קליינע און גרעסערע געביידען, האבען זיי זיך ביי איינע אבגעשטעלט און געצלמ׳ט זיך.

נאר ביי איין גרויסען מויער, נעבען א גרויסע טהיר, געשמידט מיט אלטע פערגרינטע אייזען, האבען זיך אלע אבגעשטעלט און געקניעט.

דערנאך, ווען זיי זענען אויפגעשטאנען, האט איינע מיט א גרויסען בונט לאנגע שליסלען געעפענט די אונטער טהיר און דער עולם האט זיך אנגעהויבען אראבלאזען ערגעץ אראב מיט די טרעפ אין א פינסטערניש.

מאניא׳ן האבען צוויי שוועסטער אונטערגעהאלטען ביי די הענד און פאר איהר בעלויכטען די אומבעקאנטע טרעפ מיט א לאמטערען.

די פיס האבען זיך מאניא׳ן אבגעזאגט צו געהן, מיט דעם גאנצען קערפער האט זי זיך אנגעשפארט אויף די אקסלען פון די שוועסטער.

ערשט אראבגעהענדיג פון די טרעפ איז געווארען א ביסעל ליכטיגער פון קליינע פענסטערלעך פון חעלכע עס האבען זיך געצויגען עטליכע שוואכע ליכטיגע שטראהלען.

פארבייגעהענדיג א פאר צימערן מיט שטיינערדיגע פארלאגעס, האט די שוועסטער אירינא זיך געלאזט הערען מיט איהר בעפעל-שטימע.

— מאניא! געה נאר צו נעהנטער צו מיר. איך וויל דיר ווייזען דאס טייערסטע פון אונזער מאנאסטיר.

און אַזוי רעדענדיג האָט זיך געעפֿענט אַ טהיר און אַלע זענען אַרײַן אין אַ גרויסען לאַנגען און ברייטען קעלער, מיט אַ סך קליינע פֿענסטערלעך. די גאַנצע שטיינערנע פּאָדלאָגע איז געוועזען אויסגעשטעלט מיט גרויסע און קליינע שוואַרצע טרונעס, טהייל מיט געגילטע און געזילבערטע בעפּוצונגען.

— דו זעהסט, האָט זיך ווידער אָנגערופֿען די שוועסטער אירינאַ—אָט דאָ, אין דער טרומנע, געפֿינען זיך די טויטע ביינער פֿון אַ הייליגע, וואָס זי האָט צוריק מיט טויזענד יאָהר פֿיעל געליטען פֿאַר דעם קריסטליכען גלויבען, איהרע הייליגע ביינער האָט מען געבראַכט פֿון רוים; צוזאַמען מיט איהר האָט מען אויך געבראַכט די אַייזענס, מיט וועלכע מען האָט זי געפּײַניגט.

און טאַקע דאָ האָט מען מאַניאַ'ן געוויזען אַלטע אַייזערנע רינגען.

— די דאָזיגע רינגען זענען אַ גרויסע סגולה צו פֿערטרײַבען אַלדעס ביזע.

— אין דער טרומנע געפֿינט זיך אַ טויטער קאָפּ פֿון דער ערשטער שוועסטער, וועלכע רעכענט זיך פֿאַר דער גרינדערין פֿון אונזער מאָנאַסטיר. פֿיעל הייליגע שוועסטער ליגען דאָ, און אַלע שוועסטער וועלכע לעבען איצט מיט אונז, ווען זיי פֿיהרען זיך גוט און פֿרום, קאָנען האָפֿען צו האָבען די זכיה, אַז זייערע ביינער זאָל אַמאָל ליגען צוזאַמען מיט די הייליגע.

נאָך די ווערטער האָבען אַלע שטיל, טריט בײַ טריט, אָנגעהויבען אַרויסגעהן פֿון קעלער.

ווען מאַניאַ איז אַרויס פֿון קעלער, האָט מען איהר געזאָגט, אַז איינע פֿון איהר דאַרף הײַנט זיך זעהען מיט איהר.

פופצעהנטעס קאפיטעל.
א גרוס פון דערהיים.

מאניא דערקענענדיג, אז איינע פון איהר דארף, איז געקומען אין מאנאסטיר, האט זיך זעהר דערפרעהט, מיינענדיג, אז עס איז געקומען איהר מוטער, נאר ווען מען האט זי אריינגעפיהרט אין איינעם פון די צימער אין דער זייט פון די ברייטע קארידארען, האט זי דערזעהען „די מוהמע" פון דעם עקאנאם סיזויאנסקעס פאמיליע.

מאניא האט זיך אין אנהויב א חאפ געטהון צוריק, נאר דערזעהענדיג אזא היימישען מענשען פון איהר היים, האט זי זיך דאך דערפרעהט.

— ווי קומט איהר אהער „מוהמע" (אלע אין דארף האבען די גערופען „מוהמע")?

— צו דיר בין איך געקומען. איך האב זיך געוואלט מיט דיר זעהן און וויסען, ווי דיר געהט דא. ביזטו צופרידען?

— איך וויל אהיים, איך וועל פאהרען מיט אייך צוזאמען אהיים, וואס האב איך דא צו טהון?

— אומגליקליכע! ווי קאן דיר גאר אזא זאך איינפאלען? דו וועסט דאך זיין די אומגליקליכסטע אין דער וועלט. און ווידער ביזטו דאך שוין ניט קיין קינד, וואס בעשליסענדיג זיך אויף אזא ערנסטע און וויכטיגע זאך, זאלסטו אויף מארגען חרטה האבען, דו געדענקסט, ווי מיר האבען אפגערעדט, אז נאך דיין שמד'ן זיך זאלסטו חתונה האבען מיט לודוויגען, דו וועסט ווערען אונזערע און זיין א גליקליכע דיין גאנץ לעבען.

— דערמאנט מיר ניט לודוויגס נאמען. ער האט מיך פערפיהרט. איך האב איהם ניט געקענט.

איך האב איהם צופיעל געגלויבט, איך האב אין איהם געהאט א טעות, מוהמע, איך האב אין אייך אלע געהאט א טעות, איהר האט זיך אלע בענוצט מיט מיין יונגשאפט, מיט מיין גלויבען יעדען. לודוויג און איהר אלע, זענען ניט ווערט, איך זאל מיינע עלטערען און מיין גלויבען פערביטען. איך פרעג אייך, ווי קום איך אין מאנאסטיר? ווער האט מיך געבראכט אהער אהן מיין ווילען? עס איז געווען ביי אייך א אפגערעדטע זאך, מיך צו פערפיהרען, מיך ברענגען פאר א קרבן. איהר האט זיך בענוצט מיט מיין שלעכטע לאגע, מיט מיין ארעם עלענד לעבען ביי מיינע עלטערען. איהר האט מיר געמאלט א טרויעריג שווארץ לעבען ווען איך בלייב א יודישע טאכטער, גלייך מיט מיינע אלע אנדערע שוועסטער. עס איז אמת, אבער מיין הארץ זעהט ניט און פיהלט ניט, אז ביי אייך, אין אייערע קרייזען, זאל מען געפינען א בעסערס ליכטיגערעס לעבען.

מאניא האט קוים דעם אטעם געחאפט און ווייטער גערעדט:

— לודוויגס נאמען זאלט איהר מיר ניט דערמאנען. ער איז פאר מיר אבגעשטארבען, און אייך בעט איך, אויב איהר זענט מיינע א פריינדין און ווילט מיין גליק, ווי איהר פלעגט מיר זאגען, זאלט איהר מיך באלד מיטנעהמען אין דארף אהיים.

— זייט ניט אזוי אויפגערעגט, בערוהיג דיך, וועלען מיר קאנען רוהיג רעדען.

— רעדען וועלען מיר קענען אין דער היים, עס איז מיר שווער יעדע מינוט, דא צו זיין. נעהמט מיך באלד מיט זיך, לאמיר שוין פאהרען די מינוט. איך וועל אייך, און אייער הויז בלייבען דער זעלבער פריינד ווי פריהער. איך וועל אייך אייביג דאנקען, ווען איהר וועט מיך פון דאנען ארויסראטעווען.

מאַניאַ האָט זיך געוואָרפען אויף דער „מוהמע׳ס“ האַלז און מיט טרערען זי געבעטען, באַלד פאָהרען.

די מוהמע סוויאַנסקאַ, ווערענדיג בלאַס און דערשראָקען, האָט אויך מיט טרערען אין די אויגען זי אָנגעהויבען בערוהיגען און טרייסטען:

— בערוהיג זיך, מאַניאַטשקע, יעצט איז שוין נאַכט, וואו וועלען מיר פאָהרען?

— ניין, באַלד, די מינוט! מען האָט מיר נעכטען אויך אָבגעלעגט מיין פאָהרען, איבער נאַכט.

מאַניאַ האָט ניט אויפגעהערט שרייען: „באַלד! די מינוט!“

— מאַניאַטשקע! שרייען איז דאָ איבעריג, עס איז ניט אין דאָרף, קיינער וועט דאָ ניט הערען דיינע געשרייען, די ווענד פון מאָטאַסטיר זענען צו דיק, דיינע קולות זאָלען ערגיץ דערגרייכען. אויב דו וועסט רעדען רוהיג און געלאַסען קען איך דיר ענטפערען, וועסטו אָבער שרייען, וועל איך דיך איבערלאָזען און אוועקגעהן צו דער שוועסטער „אירינא“.

— איך וועל אייך ניט אָבלאָזען, איך וועל זיין רוהיג, נאָר זאָל מען שוין פאָהרען.

— ביינאַכט קען מען ניט.

— וועלען מיר געהן צופוס. איך וויל דאָ ניט נעכטיגען.

— ביז מאָרגען איז ניט קיין אומגליק, איך ברויך דאָ נאָך זיך זעהן מיט דער שוועסטער „אירינא“ די איז אונזערע אַקרובה, ווי קען איך אַוועק אַזוי גיך, מאָרגען וועלען מיר זעהן אוועקפאָהרען.

מאַניאַ האָט זיך אַביסעל בערוהיגט.

— גוט, זאָל זיין מאָרגען, אָבער איך וועל אייך

שוין ניט אָבלאָזען, וואו איהר וועט געהן וועל איך מיט אייך מיטגעהן.

— איך ברויך אָבער געהן צו דער שוועסטער „אירינא“.

— וועל איך אויך מיטגעהן, איך בין שוין איין מאָל געווען ביי איהר.

— שוין געווען! וואָס פאַר א כבוד! דו דאַרפסט דאָך זיך שעצען פאַר גליקליך. א קליינינ־קייט צו רעדען מיט איהר. מענשען וואַרטען וואָ־כען לאַנג ביז מען קאָן רעדען מיט איהר א פּאָר ווערטער און דיך האָט מען שוין איינגעלאַדען צו איהר. ווייסטו יאַטש וואָס פאַר א גליק דיך האָט געטראָפען?

מאַניא, וועהענדיג ווי די מוהמע קוועלט אַזוי אָן פון איהר גליק, האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען און האָט אָנגעהויבען אויספרעגען אויף איהרע עלטערען.

— וואָס מאַכט די מאַמע? אָרעמע מאַמע, איך שטעל מיר פאָר ווי אומגליקליך זי פיהלט זיך! איך האָב מורא, אז זי וועט עס גאָר ניט איבער־לעבען.

— חאַ, חאַ, חאַ! — האָט זיך די מוהמע צו־לאַכט, — וואָס פאַר א קינד דו ביזט נאָך, — באַלד ווי זי האָט זיך דערוואוסט פון דיין ענטלויפען, האָט זי אויסגעשפּיגען דריי מאָל, דיך גוט אויסגע־שאָלטען, און גאָר ניט, אַלעס איז אַזוי ווי פריהער, דער טאַטע פאָהרט אַרום און אַרבייט וועגען זיינע געשעפטען און די מאַמע קאָכט מיטאָג.

— און מיך דערמאָנט זי גאָר ניט?

— זי האָט אַפילו קיין איינציג מאָל דיין נאָמען ניט דערמאָנט, מען האָט מיר דערצעהלט. אַז ווען איינער האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען

דיר, האָט זי ניט געוואָלט הערען פון דיר. „חען מאַניאַ זאָל שטאַרבען—האָט זי געזאָגט,—וואָלט איך געזאָגט פון איהר נאָר ניט פון מאַניאַ'ן, וואָס ביי איהר איז רעכט געווען צו ענטלויפען".

— עס קען ניט זיין.

— דו ווילסט מיר ניט גלויבען, קענסט פרעגען יאַנען, וועלכער איז מיט מיר געקומען. ער איז איצטער אויך דאָ אין מאָנאַסטיר.

— יאַן, וואָס האָט מיך געראַטעוועט פון לודוויגס הענד איז אויך דאָ? איך וויל איהם זעהן און אָבדאַנקען.

די מוהמע האָט זיך דערפרעהט פון די ווערטער און ביידע געדאַנקען מיט נייע פלענער האָבען איהר אָנגעהויבען קומען אין קאָפּ אריין.

זעכצעהנטעס קאפיטעל.

א קָרְבָּן.

ביי דער „מוהמע" סווויאנסקא האט זיך אין קאפ געפלאנטען א נייער פלאן:

יאן האט אבגעראטעוועט פון לודוויגען מאַניאַ'ן, זי איז איהם זעהר דאנקבאר, וואס ער האט ניט דערלאזט לודוויגען זי בעליידיגען. מען דארף זיי צוזאמענפיהרען און זעהען, אז נאך דער שמד זאל זי מיט איהם חתונה האבען. יאן וועט זיך אנחאפען מיט ביידע הענד, יאן איז שטיל פערליעבט אין מאניא'ן ביז צום שטארבען, אנדערש וואלט ער זי ניט געראטעוועט. ער וואגט איהר נאר ניט צו זאגען, אז ער האט זי ליעב, אבער ווען איך וועל זיך דא אריינמישען, וועט ווערען א שידוך.

און אזוי טראכטענדיג, האט זי זיך אנגערופען צו מאניא'ן:

— דו ווילסט דאך זעהן יאנ'ען?

— יא, איך וויל איהם אבדאנקען.

— אויסער דעם וועסטו זיך קאנען ביי איהם אלעס דערוויסען וועגען דיינע עלטערען, ווייל ער האט זיך פאר אונזער אוועקפאהרען געזעהען מיט דיינע עלטערען. פון איהם וועסטו אלעס וויסען.

— איך וועל אייך זעהר דאנקבאר זיין, ווען איהר וועט איהם באלד אריינרופען צו אונז.

די „מוהמע" איז ארויסגעגאנגען פון צימער רופען יאנ'ען, וועלכער האט געווארט אין קאנצעלאריע פון מאנאסטיר.

די מוהמע האט יאנ'ען ארויסגעבעטען אין גארטען און זיך געזעצט מיט איהם אויף א באנק.

— לאָז נאָר, יאָן, דו ווילסט זעהן מאַניאַ'ן?

— איך וועל זיך שעצען פאַר גליקליך, ווען איך וועל זיך זעהן מיט איהר. איך בין דאָך צוליעב דעם געפאָהרען מיט אייך.

— נאָר צוליעב דעם? און איך האָב ניט געוואוסט, אַז נאָר צוליעב מאַניאַ'ן... איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט געפאָהרען, ווייל איך האָב דיר געבעטען. וויסענדיג, אַז איבער לודוויג'ס שלעכטע אויפפיהרונג מיט מאַניאַ'ן, איז זי געוואָרען זעהר גוט צו דיר, האָב איך דיך געבעטען, אַז דו זאָלסט מיטפאָהרען מיט מיר.

— איך מוז זיך אָבער מודה זיין, און דאָ אין מאָנאַסטיר וויל איך קיין ליגען ניט זאָגען, אַז איך האָב מאַניאַ'ן שטענדיג ליעב געהאַט, נאָר זעהענדיג ווי זי קוקט זיך קיינמאָל ניט אום אויף מיר און איז מיט לודוויגען געווען שטענדיג בעפריינדעט, האָב איך שווייגענדיג פיעל געליטען. איצט האָט מיר גאָט צוגעשיקט אַ צופאַל לודוויגס שלעכטע אויפפיהרונג, וואו איך האָב איהר געקאָנט איבערצייגען אין מיין איבערגעבענהייט און אין מיין ריינע ליעבע צו איהר.

— איך קאָן דיר נאָר געבען מיין ברכה דערצו. אפשר טאַקי נאָר אַ דאַנק דיר וועט זי איבערגעהן צו אונזער גלויבען. מיר אַלע און דער גאַנצער מאָנאַסטיר וועט דיר דאַנקבאַר זיין ווען דו וועסט זי קאָנען איבערעדען אַז זי זאָל וואָס גיכער זיך שמד'ן.

— דאָס איז מיין איינציגער וואונש, עס איז אָבער ניט געווענט אָן מיר אַליין. איהר קענט דאָך מאַניאַ'ן, וואָס פאַר אַ שטאַרקען חאַראַקטער זי האָט, מאַניאַ'ן איז שווער איבערצורעדען אין דעם וואָס זי איז ניט איבערצייגט. קיין מיאוסע

מיטלען, ווי לודוויג, קאָן איך ניט פאַרנעהמען, איך האָב זי צופיעל ליעב, איך שעץ זי צופיעל.

— אפשר וועט עס געהן מיט גוט'ן. איך וועל דיך באַלד פיהרען צו איהר און וועל אייך ביידע איבערלאָזען אַליין, נאָר זייַ אַ מענש, זייַ ניט קיין באָבע, דו ביזט דאָך אַ מאַנסביל, וועט עס געהן מיט גוטען איז אַוודאי גוט, ווען ניט, זאָלסטו אָננעהמען אַלע מיטלען. דו ווייסט דאָך, אַז צוריק צו די יודען, טאָרען מיר זי ניט לאָזען. לאָזען מיר זי פרייַ קאָנען מיר דאָך אַלע אומגליקליך ווערען. בעשליס זיך נאָר פעסט, שטעל זיך ניט אָב פאַר קיין זאַך, דערצעהל איהר, אַז דער וועג צוריק צו די יודען, איז אויף אייביג פאַר איהר אָבגעשניטען, זאָג איהר, אַז ווען זי קומט אַהיים, וועלען זי די יודען פייניגען און איהרע עלטערען וועלען נאָך מיטהעלפען. און אַז מיט דיר וועט זי אייביג גליקליך זיין.

— יאָ, ווי נאָך גליקליך! איך וועל מיין גאַנץ לעבען אַרבייטען פאַר איהר, קיין שום שלעכטס וועל איך ניט דערלאָזען צו איהר. זאָל איך נאָר הערען פון איהר אַ גוט וואָרט.

— אַלעס וועסטו קאָנען אויספיהרען, דו זאָלסט נאָר קאָנען זיין אַ מענש. אַלעס איז אין דיינע הענד, איך און דער גאַנצער מאָנאַסטיר וועלען דיר מיטהעלפען. קום איך וועל דיך צו איהר פאַריינלאָזען.

זיי האָבען זיך אויפגעהויבען פון דער באַנק און זיך געלאָזט געהן איבער די לאַנגע קאָרידאָרען וואו עס געפינען זיך די צימערען פון די „שוועסטער".

נאָך איידער יאַן איז איבערגעטרעטען די שוועל פון דעם צימער וואו מאַניא געפינט זיך

איצט, האט ער זיך שוין פארגעשטעלט איהר גאנציגשענקייט, איהרע אויגען, איהרע לאקען, איהר ווייםחנ׳עוודיג געזיכט..

— אט אין דעם צימער געה אריין — האט די מוהמע שטיל געזאגט — נאר געדענק, זיי אמאנספיל; שפעטער, נאך היינט, וועלען מיר זיךזעהן.

מיט ציטערדיגע הענד האט ער אנגעקלאפט אין טיהר, וועלכע מאניא האט באלד געעפענט.

— יאן! האט מאניא מיט פרייד אויסגעשריען — איך פרעה זיך דיך זעהן. איך ווייס גארנים ווי דיר אבצודאנקען, וואס דו האסט מיך פון דעם נידעריגען לודוויגען אבגעראטעוועט. איך האב דיך שטענדיג געהאלטען פאר א ארענטליכען מענשען, אבער אויף אזוי פיעל, האב איך זעלבסט נים ערווארט. דו האסט דאך איינגעשטעלט דיין לעבען פאר מיר. איך ווייס גאר נים מיט וואס אבצודאנקען דיר. א, מיינע עלטערען, און איך וועלען דיך קיינמאל נים פערגעסען. ווי א גוטער מלאך, קומסטו שטענדיג אין א צרה. האסט מיך שוין איינמאל אבגעראטעוועט, ראטעווע מיך איצטער אויך ארויס פון מאנאסטיר און ברענג מיך צו מיינע עלטערען, אין דיר גלויב איך. מיט דיר וועל איך זיך איצטער אוועקלאזען אין דער פינסטערער נאכט, ביז מיר וועלען קומען אין דער ערשטער שטאדט און דארט דינגען א פודר.

יאן האט קיין ווארט נים געקאנט ארויסלאזען.

— נו, וואס שווייגסטו? דו ביזט אויך קעגען מיר?

— מאניא — האט ער קוים אנגעהויבען — דו ווייסט דאך, אז איך בין אין ארענטליכער גלוי־

בענדער קריסט. ווי קאָן איך טהון אַזאַ עבירה: דיך צונעהמען פון מאָנאַסטיר קעגען דעם ווילען פון אַלע שוועסטער און פון דער עלטסטער שוועס-טער „אירינאַ"? איך קאָן אָנווערען ביידע וועלטען. קיין אָפּקומעניש וועט מיר דערנאָך ניט העלפען. דאָס וועט זיין די גרעסטע זינד פון מיר, ווען איך וועל טהון אַזאַ עבירה, ווען איך וועל זיין געגען קלויסטער געגען מאָנאַסטיר. איך טאָר עס ניט טהון, און ווען דו זאָלסט מיר זאָגען, איך זאָל באַלד מיין גאַנץ לעבען אַוועקגעבען פאַר דיר, וויל איך עס מיט פריידע טהון, נאָר דאָס וואָס דו פער-לאַנגסט איז ניט מעגליך.

— וואָס זשע, גוטער יונג, בלייבט מיר צו טהון?

— זיך שמדן, און דאַן וועסטו פריי, דאַן וועסטו גליקליך זיין, ווי קומסטו צו בלייבען צווי-שען יודען? און וואָס פאַר אַ לעבען ערוואַרטעט דיך צווישען יודען?

— און וואָס ערוואַרטעט מיך דאָ? מיינע ביי-נער וועלען שפּעטער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, ליגען אין די קעלערס פון מאָנאַסטיר, גלייך מיט די ביינער פון אַלע אַנדערע שוועסטער — מוחל, מוחל, איך וויל בעסער לעבען, און וואו מיינע ביי-נער וועלען ליגען נאָך מיין טויט איז פאַר מיר אַליין איינס.

— ווער הייסט דיך דאַן נויטיגען די זאָלסט בלייבען אַ מאָנאַשקע? ווי נאָר מען וועט דיך אָפּ-שמדן ביזטו פריי און קאָנסט לעבען ווי די ווילסט וועלען, סיידען די וועסט אַליין וועלען בלייבען אין מאָנאַסטיר.

— ווי וועלען מיך ניט צולאָזען, ווי דער-

פֿון מיך דאָ, איך ווייס אַליין ניט אויף וואָס פֿאַר
אַ שוואַרץ יאָהר.

— שמד זיך נאָר אָב, וועל איך שוין דאַן
זאָרגען, אַז דו זאָלסט דאָ ניט בלייבען.

— אָבער מיין האַרץ ציהט מיך ניט דערצו,
מיין האַרץ ציהט מיך אַהיים צווישען מיינע על-
טערען, צווישען אייגענע.

— וואָס זשע ביזטו אַנטלאָפֿען מיט לוד-
וויגען?

— אָ, עס איז צו אַ לאַנגע געשיכטע, דיר
איצטער דערצעהלען, אָבער עס וועט זיין גענוג,
אַז איך וועל דיר זאָגען, דאָס איך האָב לודוויגען
ליעב געהאַט מיט מיין גאַנץ לעבען, בין איך איהם
נאָכגעגאַנגען, נאָר איצטער איז פֿאַר מיר לודוויג
איין גאַנצען אָבגעשטאָרבען. וואָס-זשע האָב איך
דאָ צו טהון?

— מאַניאַ! אַז דו ווייסט יאָ וואָס הייסט ליעב
האָבען, דאַרפֿסטו דאָ בלייבען צוליעב איין אַנ-
דערען, וואָס האָט דיך ליעב מיט זיין גאַנץ לעבען.
מאַניאַ האָט זיך אַ דערשראָקענע אָבגערוקט
פֿון יאַנ׳ען.

— ווער זשע האָט עס מיך אַזוי ליעב, וואָס
יענער פֿערלאַנגט מיין גאַנץ לעבען פֿאַר אַ קרבן —
זאָג יאַן, איך ווייס פֿון גאָר ניט.
יאַן האָט געשוויגען...

זיבעצעהנטעס קאפיטעל.

רחמנות.

מאניא האט ניט בעקומען קיין שום ענטפער פון יאנ'ען נאר דעם ענטפער האט זי שוין געוואוסט, הגם עס האט זיך איהר ניט געגלויבט. זי האט זיך נאר דערשראקען און ניט געוואלט אז דער ענטפער זאל ארויס פון יאנ'ס מויל.

יאן איז געזעסען עטליכע מינוט אויף זיין ארט מיט איין אראבגעלאזענעם קאפ, ער האט געפיהלט. אז איהר הארץ איז ווייט פון איהם און ער האט מיט א רחמנות פנים און מיט א שוואך קול ארויסגעלאזט די ווערטער:

— דו פרעגסט ווער האט עס דיך אזוי ליעב, וואס יענער פערלאנגט דיין גאנץ לעבען פאר א קרבן? ליעב האב איך דיך, ווי מיין גאנץ לעבען, דו ביזט ביי מיר טייערער פון אלעם אין דער וועלט, נאר קיין קרבנות פערלאנג איך ניט פון דיר.

יאן האט זיך אליין דערשראקען פאר זיינע ווערטער, ער איז געפאלען אויף די קניע.

—איך קניע פאר דיר ווי פאר א היילינגע; איך ווייס אז דו האסט מיך ניט ליעב און אפשר קענסט מיך ניט ליעב האבען, נאר איך בעט רחמנות.

מאניא האט ווי מיט כעס זיך אנגערופען:

— שטעה באלד אויף, איך קאן ניט קוקען ווי א מאנסביל שטעהט אויף די קניע און בעט רחמנות, דאס עקעלט מיך. א מאנסביל דארף

זיין שטאַרק און ניט בעטען, נאָר נעמען. דו קענסט דאָך חיימ'ן, וואָס פלעגט איבערזיצען ביי אונז אין שטוב, אַלע ווייסען דאָך, אַז ער האָט געוואָלט זיין מיינער אַ חתן, ער איז זעהר אַ וואָהלער, אַ גוטער און, אַז דו ווילסט, אויך אַ גענוג שענער יונגערמאַן און דאָך איז ער מיר קיינמאָל ניט געפעלען; אין אַזעלכען ווי חיים וואָלט איך זיך קיינמאָל ניט פערליעבט, אַזאַ חיים קאָן ניט זיין מיין צוקינפטיגער מאַן, און ווייסטו פאַר וואָס? נאָר דערפאַר, וואָס ער איז עפּעס אַ באַבע, צו אַ גוטינקער מיט אַ רחמנות פנים, אַ שוואַכינקער, אַ דערשראָקענער. מילא חיימ'ן קאָן מען נאָך מוחל זיין, ער איז אַ יוד, אַ יוד קאָן ביי זיין לאַגע אַנדערש ניט זיין—נאָר אַזוינער ווי חיים; אָבער ווען דו יאַן ביזט אויך אַזוי, דאָס איז שוין ניט צו פערשטעהן און גראַדע האָב איך דאָס אומגליק, אַז אַזעלכע גוטינקע, דערשראָקענע, מיט רחמנות-דיגע פנימ'לעך, שוואַכינקע חאַראַקטערלעך פערליעבען זיך אין מיר.

— און לודוויג?

— און לודוויג? פרעגסטו. ער האָט מיך ניט ליעב געהאַט, ער האָט מיך נאָר אָבגענאַרט און דו האָסט זיך איבערצייגט ניט ווייניגער ווי איך. נאָר הלואי וואָלט ער געווען אַביסעל פיינער און לייטישער, ווי איך וואָלט זיך געשעצט פאַר גליקליך ווען ער זאָל מיך געווען ליעב האָבען.

— נאָר איך גלויב, אַז צווישען דיר מיט לודוויגען קען מעהר יעצט גאָר ניט פאָרקומען.

— געוויס, ער איז פאַר מיר געשטאָרבען נאָר מיין האַרץ איז צוואַוואונדעט, צובראָכען.

— זון וואָס קאָנסטו מיר זאָגען, מיט וואָס מאַניאַ, קען איך צוועק פון דיר.

מאניא האט געצויגען מיט די פלייצעס.

— ווייסטו חאטש ווי אזוי איך האב דיך ליעב?

— איך האב פריהער וועגען דעם ניט געוואוסט, נאר אז דו זאגסט גלויב איך דיר.

— ניין. איך פלעג נאר בעמערקען, אז דו ביזט שטענדיג געוועזען גוט צו מיר, אז מיר זענען אמאל קינדער געוועזען און געלאפען איבערען דארף, האסטו מיך קיינמאל ניט בעלעדיגט, ווי אלע אנדערע דארפס-יונגלעך, מיר פלעגען זיך ביידע ליעב האבען צו שפיעלען, דערנאך זענען מיר אויסגעוואקסען, וואס האב איך געקאנט בעמערקען?

— שוין זשע ביזטו געוועזען בלינד, איך פלעג זיך דאך שטענדיג געפינען צוזאמען מיט לודוויגען, לודוויג פלעגט זיך אומעטום שטענדיג בערימען, אז דו ביזט אין איהם פערליעבט, איך האב דאס מאקע בעמערקט פון דיר אויך, אז צווישען אייך איז מעהר ווי א געוועהנליכע פריינדליכע בעציהונג. וואס האב איך דאן מעהר געקאנט טהון ווי שווייגען, איך האב יאהרען לאנג געשוויגען און געליטען. צו מיין ליידען איז ניט געווען קיין ענדע, ווי א שאטען פלעג איך שטענדיג געהן נאך דיר און דאס וואס דו פלעגסט מיך קיינמאל ניט בעמערקען, האט מיך נאך מעהר ערנידעריגט ביי זיך אליין.

ווען ביי די סוויאנסקעס איז בעשלאסען געווארען, אז דו מיט לודוויגען פאהרען אוועק און נאך דעם שמד'ן זאלט איהר ביידע חתונה האבען, האב איך דאך זיך ניט געקאנט איינהאלטען און זיך ארויסגערופען, אז מען קען זיך אויף א געוועהנליכען פוהרמאן ניט פערלאזען און אז מען זאל זיין זיכער האב איך זיך אנגעטהאן אין פוהר-

מאנישע קליידער און מיר זענען געפאָהרען צוזאמען.

— ביזטו הייכט עס געווען דער פוהרמאן און מיר זענען אלע צוזאמען ענטלאָפען און איך האָב ניט פערשטאנען פון וואנען האָסטו זיך ווי א גוטער מלאך גענומען דאן ווען איך האָב זיך געפונען אין א גרויסע צרה.

ב

— דאָס וואָס דו רעכענסט פאר א צרה, האָט דיר דער וואָס אין הימעל צוגעשיקט פאר מיר א גליק, איך האָב זייט דאן אָן אנגעהויבן האָפען, אז דיין הארץ וועט זיך איבעראנדערשען צו מיר. און איצטער... איצטער, וואָס זאָל איך מיט זיך טהון, מאניא? ווען דו שטויסט מיך אָב, נעהמסט צו מיינע אלע האָפנונגען.

און יאן האָט זיך צעוויינט.

אלע קאָליערען אויף דעם געזיכט האָט זיך אין איהר איבערגעביטען, זיינע טרערען האָבען ביי מאניא'ן ארויסגערופען נאך מעהר עקעל צו איהם ווי פריהער, ווען ער איז געפאלען אויף די קניע. מאניא האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהון און פערשיעדענע געדאנקען האָבען זיך איהר געפלאָנטערט אין קאָפ.

און יאן האָט ניט אויפגעהערט צו רעדען.

— מאניא האָב רחמנות אויף מיין לעבען, ווארום אָהן דיר קען איך ניט לעבען, אפילו ווען דו זאָלסט זיך ניט געוועזען אָבזאָגען פון לודוויגען, וואָלט איך דיך איהם ניט אָבגעגעבען, עס וואָלט מיך געמאָגט קאָסטען דאָס גאנצע לעבען.

מאניא האָט אויפגערעגט זיהם געזאָגט.

— זאָג נאָר יאן, פון איין זייט קניעסטו פאר מיר, וויינסט, בעטסט ביי מיר רחמנות און פון דער אנדערער זייט רעכענסטו זיך עפּעס פאר מיין הער-

שער, „דו וואָלסט מיך ניט אָפּגעגעבען" זאָגסטו.
ווי גלייך איך בין עפּעס אַ זאַך, אָהן אַ ווילען און
יעדער קען טהון מיט מיר וואָס מען וויל. מוז איך
דיר זאָגען יאָ, אַז דאָס וואָס איך וויל אָדער איך
וויל ניט איז מיין אייגענע זאַך. און קיינער קען מיך
קעגען מיין ווילען צו קיין זאַך ניט צווינגען.

— הייסט עס, אַז איך קען אפילו גאָר ניט
האָפען און קען איצטער אַוועקגעהן מיט גאָרניט.
אויב אַזוי וועלען מיר זיך געזעגענען, נאָר...

— וואַרט נאָר אויס, יאָן... לאָז נאָר צוזאַמען
נעהמען מיינע געדאַנקען... רחמנות דאַרף איך
בעטען. רחמנות בעטען פּאַסט פאַר אַ פרוי...
וואַרט נאָר...

אכטצעהנטעס קאפיטעל.

אַ בַּקָשָׁה.

יאַן האָט זיך געזעצט צוריק אויף זיין אָרט.

— דו דאַרפסט בײַ מיר ניט בעטען קיין רחמנות, — האָט זיך אָנגערופען יאַן, — דו דאַרפסט נאָר הייסען, שאַפען, וועט אַלעס געטהון ווערען.

— בין איך אָבער זיכער, אַז דו וועסט מיין בקשה קיינעם ניט איבערגעבען? און קיינער טאָר ניט וויסען אויסער דיר.

— איך שווער דיר מיט מיין גאַנץ לעבען, אַז איך וועל קיינעם ניט איבערגעבען.

— אויב אַזוי, בעט איך דיך, דו זאָלסט מיך פון די דאָזיגע פיער דיקע ווענד בעפרייען און, אַז מיר וועלען זיך שוין געפינען פון יענער זייט מאָנאַסטיר, זאָל איך דאָרטען געפינען מיינע עלטערען, מיט וועלכע מיר וועלען צוזאַמען אַוועקפאָהרען אַ היים, ווייל מיט דיר אַליין, מוז איך דיר זאָגען דעם אמת, אַז איך האָב מורא, די ביזט הילד געוואָרען.

— איך בעט דיך — האָט מאַניאַ ווייטער געזאָגט — צו ביזטו פעהיג, צו וועסטו זיך בעשליסען אויף אַזאַ זאַך וואָדער ניט, זאָלסטו קיינעם ניט אויסזאָגען פון מיין פּלאַן, ווארום ווי איך האָב זיך דאָ דערוואוסט, איז אויב מען וועט נאָר בעמערקען, אַז איך טראַכט וועגען ענטלויפען, וועט מען מיך פערשליסען אין די קעלערס פון די היילינגע קברים, וועלכע מען האָט מיר געוויזען.

— עס קאָן ניט זיין, מען שרעקט דיך נאָר אומזיסט.

— האָסט אַ טעות, זיי זענען אין זייער פֿרומקייט פֿעהיג אויף אַלעס. איך פֿיהל, אַז זיי וועלען עס טהון אויב איך וועל פֿון דאַנען וועלען ענטלויפֿען. מען האָט מיר אַפֿילו געזאָגט, אַז דאָרט אין די קעלערס געפֿינען זיך בעזונדערע שטראָףצימערן און אַז דאָרטען זענען פֿערשלאָסען אַ סך יודישע מיידלעך, וועלכע מען האָט מיט גוטע ווערטער פֿערנאַרט אַהין.

—בבא מעשות, איך בין אויך אַ פֿרומער קריסט און וואָלט אַזעלכע זאַכען ניט געטהון.

— נו, גענוג. אַזוי אָדער אַזוי, זאָג מיר באַלד דיין בעשלוס.

יאַן האָט זיך אַ פּאָר מינוט געקווענקעלט און דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופֿען:

— צו וואָס טויג דיר דאָס אַלעס? שמד זיך, זאָג דערנאָך, אַז דו ביזט מיין כלה, וועט מען דיך גלייך בעפֿרייען. מיין ניט, אַז איך וועל דיך מיט געוואַלד נויטען דו זאָלסט מיט מיר התונה האָבען, וועסט ניט וועלען וועל איך דיך ניט נויטען, נאָר שמד זיך, ווערסטו אינגאַנצען פֿריי, פֿאַר אַ מאָנאַחין צו ווערען קאָנען זיי דיך ניט נויטען. דאָס קאָנסטו נאָר טהון מיט דיין אייגענעם גוטען ווילען.

— איך דאַנק דיר פֿאַר דער עצה, נאָר שמד'ן זיך מיט געוואַלד, וועט קיינער ביי מיר ניט פּועל'ן, מיט געוואַלד טהון אַ זאַך האָט נאָך קיינער ביי מיר ניט אויסגעפֿיהרט. אַפֿילו מיינע אייגענע עלטערען, וועלכע איך האָב אַזוי ליעב. איך מוז דיר אָפֿען זאָגען, דו קאָנסט דאָך חיים'ן, דו ווייסט ווי ער האָט מיך ליעב, דו וועסט ניט אָבלייקענען, אַז ער איז זעהר אַ לייטישער יונגערמאַן, קיינער קאָן אויף איהם קיין שלעכט וואָרט ניט זאָגען,

פֿאַר מיר וואָלט אַזאַ חתן געווען ווי צום בעסטען. נאָר ווייסטו ווער עס האָט צושטערט דעם שדוך? — מיינע אייגענע עלטערען. זיי האָבען אין מיר אַזוי פֿיעל אַריינגערעדט, אַז איך דאַרף אַ כּלה ווערען פֿאַר חיים'ן, אַז זיי האָבען אָבגעשלאָגען אין מיר די גאַנצע לוסט צו אַזאַ שדוך. דערנאָך, ווען מיינע עלטערען האָבען געזעהען, אַז איך פֿאָלג זיי ניט מיט גוטען, האָבען זיי אָנגעהויבען מיט בייזען, אַז עביג וועל איך ניט זיצען ביי זיי אויף דעם קעסט, אַז חיים איז פֿאַר מיר אַ גליק און אַז איך וועל ניט ווערען אַ כּלה פֿאַר חיים'ן, ווילען זיי מיך ניט קאָנען, און טאָג מיט נאַכט ניט אויפֿגעהערט צו סטראַשען ווי דער שטייגער איז, ווען עלטערען געפֿעלט דער שדוך און דאָס קינד וויל ניט. דאָס אַלעס, יאָ, דערצעהל איך דיר קעגען דעם, אַז מיט געוואַלד וועט קיינער ביי מיר ניט פּועל'ן, אַפֿילו די מאָנאַחינעס מיט זייערע קברים-קעלערס. קענסטו מיך בעפֿרייען פֿון דאַנען ווי נאָר מעגליך צום גיכסטען, אַפֿילו באַלד — איז גוט, ווען ניט, זאָג אַז דו קענסט ניט, אַז דו ביזט אַ שרעקעדיגער, דו האָסט מורא.

— ניט ריכטיג, קיינער וועט אויף מיר, מאַניאַ, ניט זאָגען, אַז איך בין אַ שרעקעדיגער, אָבער איך פֿרעג דיך ווי אַזוי טהוט מען עס? דו ווייסט, אַז איך בין פֿריהער פֿאַר אַלעס אַ פֿרומער קריסט און עס איז שרעקליך צו נעהמען אויף זיך אַזאַ עבירה. מען וועט דאָך מיך פֿערשטיינערען, אַלע וועלען זיך פֿון מיר דערווייטערען און זיי וועלען זיין גערעכט. און באמת, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַ קריסט זאָל טהון אַזאַ זאַך? איך וועל דאָך פֿערשאָלטען זיין פֿון ביידע וועלטען. מען וועט זיך דאָך באַלד דערוויסען, אַז דאָס איז מיין

אַרבּייט, און ווען מען וועט אונז האָפּען, וועט מיין שטראָף זיין שרעקליכער, ווי דיינע, קיין תשובה וועט מיר ניט העלפען. אדרבה, זאָג מיר, גיב איין עצה, ווי אַזוי זאָל איך דאָס טהון.

— דו קענסט בעסער דעם מאַגאַסטיר און די וועגען, דורך וועלכע מען קומט־אָן און מען געדענקט־אַוועק פון דאָרטען, איך קאָן דאָ קיין עצה ניט געפינען. נאָר וואָס רעדען מיר צופיעל וועגען דעם, אַז דו קענסט מיין פּלאַן ניט אויספיהרען, גענוג, מעהר האָבען מיר ניט וואָס צו רעדען.

יאַן האָט ווידער געשוויגען אַ פּאָר מינוט און זיך פּלוצים אָנגערופען:

— איך האָב אַ פּלאַן, דיינע עלטערען וועלען דיך פון דאָרטען אַרויסראַטעווען, דאָס וועל איך שוין זעהן, פריהער פאַר אַלעם וועל איך זיי געבען צו וויסען וואו דו געפינסט זיך.

— זעהר גוט, מעהר דאַרף מען ניט.

— איין גוטס זאָל מיר מוחל זיין די גרויסע דינה, וואָס איך נעם אויף זיך. איך וויל דיך אָבער פרעגען, וואָס וועט זיין ווען איך וועל דיך בעפרייען?

— וואָס ווילסטו זאָל זיין? וואָס קען איך דיר איצטער ענטפערען? איך ווייס אַליין ניט וואָס עס וועט פאָרקומען מיט מיר.

— און איך ווייס.

— וואָס קאָנסטו וויסען?

— איך ווייס, אַז דו וועסט קומען צו דיינע עלטערען, וועט מען דיך ווידער איינרעדען, אַז דו זאָלסט חתונה האָבען מיט חיים׳ן, אַ, איצטער וועט דיר שוין ניט העלפען דיין ניט וועלען, מען וועט דיך שוין ניט פרעגען, איצטער וועלען דיינע

זַלטערען ניט האָבען קיין מורא, אַז דו וועסט ענט־לויפען מיט אַ „גוי".

— וואָס פייניגסטו מיך, דו פייניגסט מיך מעהר ווי די מאַטשקעס, וועלכע האַלטען מיך דאָ און איך וויים ניט פאַרוואָס? דו האָסט מורא, אַז איך וועל חתונה האָבען מיט חיים'ן? גלויב מיר און איך שווער דיר, אַז איך וויים אַליין ניט, וואָס עס וועט פאָרקומען מיט מיר, איך טראַכט איצטער פון גאָרניט, איך טראַכט נאָר וועגען איין זאַך: ווערען ווי צום גיכסטען פריי, און דערנאָך וועלען מיר זעהן, די צייט וועט שוין אַלעס בעווייזען, איך בעט דיך, יאַן, אויב דו האָסט מיך אמת ליעב ווי דו זאָגסט, זאָלסטו ביי מיר גאָרניט פרעגען און זאָלסט נאָר אויספיהרען מיין בקשה, אויב דו ווילסט און אויב דו קענסט. דו ביזט דאָך, ווי דו זאָגסט אַ פרומער קריסט, און אַ פרומער מענש, אַז ער טהוט אַ גוטע זאַך, דאַרף ער פאָראויס ניט פער־לאַנגען מען זאָל איהם בעצאָהלען. בעפריי מיך יאַן, וועסט זעהן, אַז גוטס טהון ווערט קיין מאָל ניט פערפאַלען.

מאַניאַ איז פלוצים געפאַלען אויף די קניע און מיט טרערען אין די אויגען האָט זי איהם געקושט די הענד און געבעטען ער זאָל זי בע־פרייען.

מאַניאַ האָט אין זיינע אויגען איצטער אויס־געזעהען שענער ווי אַלע מאָל.

— בערוהיג דיך, מאַניאַ, האָט יאַן זיך אָנ־גערופען, איך וועל טהון אַלעס, עס זאָל מיך אַפילו קאָסטען מיין לעבען.

פלוצים האָט זיך געעפענט די טהיר און די „יעוואַפאָרע מאַריאַ" איז אַריינגעגאַנגען.

נייינצעהנטעס קאפיטעל.

א שרעקליכע זינד.

ווען די שוועסטער מאריא איז אריינגעקומען, האט זי נאך געטראפען מאגיאן קניען פאר יאניען.

—וועה איז מיר, וועה איז די אויגען וואס זעהען דאס! — האט מאריא געבראכען מיט די הענד און פרום געגלאנצט מיט די אויגען — אין מאנאסטיר, אין אזא הייליג ארט, זאל איך זעהן אזא שענדליכע סצענע, וועלכע פאלט ווי א פלעק אויף אונז אלע!

די שוועסטער האט געהאפט דעם אטעם פון אויפרעגונג און ווייטער זיך אנגערופען צו דער יונגער פאר, וועלכע זענען געשטאנען בלאס ווי די וואנד.

— איך באשולדיג ניט אזוי מאגיאן, וועלכע כל זמן זי איז נאך ניט געהייליגט ביי אונז, איז נאך זינדיג; אבער דו יאן, א פרומער קריסט, זאל אזא עולה דערלאזען? די ווענד פון מאנאסטיר קלאגען און וויינען איבער אויף דער גרויסער שאנדע.

—שוועסטער! האט זיך יאן אנגענומען מיט קרעפטען און זיך אנגערופען — שוועסטער, עס איז דא קיין שלעכטס ניט פארגעקומען, מיר האבען זיך ליעב, מיר האבען זיך ערקלערט אין ליעבע, און גיכען וועט זיין ביי אונז די חתונה.

דערהערענדיג דאס ווארט חתונה, איז די שוועסטער א ביסעל וויכער געווארען.

—אבער קינדער, אין מאנאסטיר איז ניט קיין ארט צו ערקלערען זיך אין ליבע, די ווענד פון מאנאסטיר האבען נאך ניט געזעהן אזעלכע שרעקליכע סצענעס, און ניט געהערט אזעלכע ווערטער. דו יאן, וועסט מוזען אויף זיך נעמען א תשובה, וואס דער מאנאסטיר וועט אויף דיר ארויפלעגען, כדי דו זאלסט פריהער אבוואשען דיינע גרויסע זינד.

יאן האט א זיפץ געטהון און מאניא איז קוים איינגעשטאנען אויף איהר ארט און זיך אלץ געריסען זאגען דער שוועסטער: יאן זאגט א ליגען, מיר האבען זיך ניט ליעב און מיר האבען ניט חתונה, נאר יאן, דערקענענדיג אין איהר פנים, אז זי וויל טהון א שרעקליכע זאך — האט אויף איהר אזא קוק געטהון, אז זיי האבען זיך ביידע פערשטאנען, וואס פאר א געפעהרליכען שריט זי וויל טהון און מיט פערביסענע ליפען האט זי געשוויגען.

— נו, יאן, שוין גענוג דא פערבראכט, קענסט שוין געהן.

זייַ געזונד, מיין טהייערע כלה! — האט יאן געזאגט און איז ארויס פון צימער.

די שוועסטער מאריא איז געבליבען. דאס געזיכט האט זיך ביי איהר מיט א מאל איבערגעביטען. דער גאנצער כעס איז אראב און א צוקערזיסקייט האט זיך צוגאסען איבער איהר געזיכט.

— מיין קינד! — האט זי לאנגזאם געזאגט אויסציהענדיג די ווערטער — מיין קינד, דו וועסט זיין גליקליך פאר יאניען. ער איז זעהר א לייטישער און ארענטליכער יונגערמאן און דערצו א גלויביגער, א פרומער, ער איז גאר ניט ענליך אויף היינטיגע יונגע לייט. ער איז א שטילער, רוהיגער, טרינקט ניט, ער וועט דיר אפבלאזען דאס ארט

און די װעסט זײן זעהר גליקליך פֿאַר איהם.

— שװעסטער, איך בין שרעקליך מיעד, לאָזט מיך אַלײן.

— דאָס ערשטע מאָל זעה איך, אַז אַ מײדעל זאָל לאַנגװײליג זײן און מיעד װערען צו רעדען פֿון איהר געליעבטען חתן.

— האָט רחמנות אױף מיר, שװעסטער, און לאָזט מיך אַלײן.

די שװעסטער האָט געקװיטשעט מיט די פּלײ־צעס, דאָס פּנים האָט זיך װידער בײ איהר אי־בערגעביסען און זי האָט שױן שטרענג געזאָגט:

— דו קאַפּריזעסט מאַניא צופֿיעל, דו װילסט ניט שעצען אונזער גוטסקײט צו דיר. קײנעם בײ אונז, לעבט זיך ניט אַזױ גוט װי דיר. אַלע האָבען דיך ליעב און דו בענוצט זיך ניט מיט אונזער גוטסקײט. אַן אַנדערע אױף דײן אָרט װאָלט זיך געשעצט פֿאַר די גליקליכסטע, װען עס זאָל זיך געפֿינען אַזאַ אָרענטליכער חתן װי יאַן און דיך בעפֿ־רײען פֿון מאָנאַסטיר...

מאַניא האָט זיך אַ חאַפּ געטהון.

— עס איז דען נאָך דאָ אין מאָנאַסטיר, אַזעלכע אומגליקליכע װי איך, װאָס װילען זיך בעפֿרײען?

— דו פֿערשטעהסט גאָר ניט, מײן קינד. דו קענסט ניט אונזערע שװעסטער. עס געפֿינען זיך אַזעלכע, װאָס האָבען זיך אָבגעזאָגט פֿון אַלע פֿערגעניגען אין דער װעלט צוליעב דעם מאָנאַסטיר, און עס איז דאָ אַזעלכע, װאָס קאָנען ניט געפֿינען קײן פֿערגעניגען אין דער װעלט, געפֿינען זײ דאָ אַטרײסט אין דער שטילקײט פֿון אונזער מאָנאַס־טיר און אין תּפֿילות אין אונזערע קלױסטערס. דאָ געפֿינען זיך אײניגע זינדיגע, װאָס װאָלטען

זיך געוואלט בעפרייען אויף אזא אופן ווי דו קענסט זיך בעפרייען דורך דיין יאנ'ס ליעבע צו דיר.

— און אהן דער ליעבע, קאן איך זיך ניט בעפרייען פון דאנען?

— שווער, מיין קינד, זעהר שווער. איך אליין האב דיר צוגעזאגט נאך נעכטען דיך בעפרייען, נאר עס איז בעשלאסען געווארען, אז מיר טארען אויף זיך אזא זינד ניט נעהמען.

די געדולד האט ביי מאניא'ן געפלאצט, זי איז אויפגעשפרונגען און ניט מיט איהר קול האט זי אויסגעשריען:

—אבער וואס ווילט איהר פון מיר? זאגט מיר, מיט וואס פאר א רעכט געוועלטיגט איהר איבער מיר? איך האב זיך אייך פערקויפט צו וואס? איך וויל דאס ניט זיין, איך וויל אייך ניט קענען און ניט אייער מאנאסטיר. ביז ווי לאנג וועט איהר מיך מיט גוטע רעד מוטשען? לאזט מיך אב! איך מעג טהון מיט זיך וואס איך וויל, זיך האב א היים, איך האב עלטערען, וואס ווילט איהר פון מיר? לאזט מיך אב!

— אוי, גאט מיינער! וואס הערען מיינע אויערען, זשמאליקליבע! — דיינע אייגענע אויערען הערען ניט דיינע ווערטער.

די שוועסטער האט זיך אנגעהויבען צלמ'ען און ווייטער גערעדט:

— גאר ניט דו מאניא רעדסט, נאר עפעס א שד האט זיך אריינגעקלויבען אין דיר און רעדט. איין גאט זאל זיך אויף דיר מרחם זיין און ווייך מאכען דיין הארץ. דו דארפסט זיך בעסער צו גרייטען צום שמד און דערנאך חתונה האבען מיט

טאָגן און די רעדסט אַזעלכע ווערטער. ניין, מיין קינד, מיר קאָנען ניט, מיר טאָרן ניט אַזעלכע פאַרבלאָנדזשעטע שעפּעלעך אָפּלאָזן, מיר ווילען נאָר דיין טובה. אויף וואָס דען איז אונזער מאָנאַסטיר, צו ניט צו טהון גוטס די זינדיגע מענשען? געדענק, אַז די וועסט אונז דערנאָך אַליין דאַנקען און די רעדסט מיט אַזאַ כעס. אַ גליק וואָס קיינער הערט ניט. שוויג בעסער און וואַרט אויף דיין גליקליכען טאָג פון שמחה — אַ גוטע נאַכט מיין קינד!

און מיט די ווערטער האָט זיך די שוועסטער געלאָזט צו דער טהיר.

—לאָזט מיך ניט איבער אַליין! — האָט זיך מאַניאַ געבעטען — אָדער לאָזט מיך אין גאַנצען אַרויס פריי.

— בערוהיג זיך מאַניאַ, נאָך היינטיגע נאַכט וועסטו וויסען צו די ביזט פריי. מיר וועלען זיך נאָך היינטיגע נאַכט זעהען.

און מיט די ווערטער, איז די שוועסטער מאַריאַ אַרויס פון מאַניאַ'ס צימער.

לאַנג האָט אין דער נאַכט, מאַניאַ געוואַרט, די שוועסטער מאַריאַ זאָל קומען זי באַפרייען, ביז זי איז פון מידקייט אַנטשלאָפען געוואָרען.

שרעקליכע חלומות האָט זי אין שלאָף געזעהען, אַז פון שרעק האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און פּלוצים דערזעהען פאַר איהרע אויגען די עלטסטע שוועסטער „אירינאַ" מיט די איבעריגע שוועסטער, וועלכע האָבען געהאַלטען אָנגעצונדענע ליכט אין די הענד פּונקט ווי דענסמאָל, ווען זיי האָבען מאַניאַ'ן געפיהרט ווייזען די היילינגע קברים אין די קעלער.

קום מײַן קינד! — האָט די שוועסטער אירינאַ זיך געװענדעט מיט אַ שטרענגען טאָן צו מאַניאַ'ן.

— וואוהין? — האָט זי ניט מיט איהר קול געפרעגט.

האָט אָבער פון קײנעם קײן ענטפער ניט בעקומען.

און די שוועסטער אירינאַ, געאַרעמט מיט מאַניאַ'ן און דער בעגלײטונג פון די שוועסטער מיט די ליכט אין די הענד, זײנען ארויס פון צימער און זײנען געגאַנגען מיט דעם זעלבען וועג מיט וועלכען זײ זײנען פריהער מיט מאַניאַ'ן געגאַנגען צו די קעלערס פון די הײליגע קברים.

— וואוהין פיהרט איהר מיך — האָט מאַניאַ מיט אַ שוואַך קול געפרעגט, נאָר קײנער האָט ניט געענטפערט. איהר שטימע האָט פערקלונגען דאָס שטילע געבעט געזאַנג פון די שוועסטער מיט די ליכט אין די הענד, וועלכע האָבען דעם גאַנצען וועג ניט אויפגעהערט צו זינגען תפילות.

צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל.

אין די פֿערבאָרגענע „קעליעס".

אין די גרויסע קעלערען, וואו עס האָבען זיך געפֿונען די הייליגע קברים, האָבען זיך אויך געפֿונען עטליכע צימערען, וועלכע מען האָט גערופֿען „קעליעס". דאָרטען האָבען געוואָהנט די פֿרומסטע שוועסטער, וועלכע האָבען זיך אַ נאָמען געמאַכט מיט זייער גאָט־דינען און מיט זייער טרייהייט און איבערגעבענהייט דעם קלויסטער.

גאַנץ אָפֿט פֿלעגט מען די איבערגעבען אַזעלכע נייע אָנגעקומענע, וועלכע האָבען זיך שטאַרק געעקש'ענט און ניט געוואָלט איבערגעהן צום שמד.

די שוועסטער פֿלעגען מיט די ניי־אָנגעקומענע ניט אויפֿהערען פֿיעל רעדען, אום זיי איבערצייגען אין זייער בלאָנדזען און, אַז נאָר דאָס איבערגעהן אין נייעם גלויבען קאָן זייערע זינדיגע נשמות ראַטעווען.

אין די קעלערס פֿלעגט מען אויך איבערפֿידרען אַזעלכע, פֿאַר וועלכע מען האָט מורא געהאַט, זיי זאָלען ניט ענטלויפֿען.

וועגען די, וועלכע האָבען זיך געפֿונען אין די קעלערס, איז געווען גרינג אָבצולייקענען, אַז זיי געפֿינען זיך ניט אין מאָנאַסטיר, ווייל דאָ איז געווען דאָס זיכערסטע אָרט, וואו קיין פּריוואַטער

מענש האָט אַהין ניט געקאָנט קומען און זיך גאָר ניט דערווייסען.

די געביידע פון די קעלערס איז אויף דעם גרויסען פּלאַץ פון מאָנאַסטיר געשטאַנען גאַנץ אָבגעזונדערט, און ניט אַלע פון די שטענדיגע איינוואָהנער פון מאָנאַסטיר האָבען געהאַט די זכיה נאָהענט פאַרבייגעהן.

און די וועלכע האָבען געוואָהנט אין די קעלערס, האָבען געפיהרט אַ טורמע-לעבען. די פרומע שוועסטער האָבען אַזאַ לעבען אָנגענומען פאַר איין אָבקומעניש אויף דער וועלט, און ערוואַרטעט דער-פאַר שכר אויף יענער וועלט.

אַלע שוועסטער, אויסער געצעהלטע געשוואָ-רענע, וועלכע מען האָט געקאָנט פערטרויען, האָט מען מודיע געווען, אַז די נייע אָנגעקומענע מאַניאַ געפינט זיך שוין מעהר ניט אין מאָנאַסטיר.

ר׳ לייזער שרה׳ס מיט זיין ווייב חנה, מאַניאַס עלטערען, האָבען ניט אויפגעהערט צו שטעהן פאַר די הויכע דיקע וואַנד פון מאָנאַסטיר, אפשר וועלען די זיך עפּעס דערווייסען וועגען זייער טאָכטער.

ניט איין מאָל האָבען זיי אָנגעקלונגען אין טויער און געבעטען, מען זאָל זיי צולאָזען צו דער שוועסטער אירינאַ, אָבער מען האָט זיי אָבגעלעגט פון איין טאָג אויף דעם צווייטען.

ווען מאַניאַס עלטערען פלעגען אָבשטעהן שטונדענלאַנג ביים טויער, פלעגט אַמאָל אַרויסקו-מען צו זיי אַ שוועסטער און זיי אויספרעגען, וואָס זיי ווילען. ר׳ זעליג שרה׳ס און חנה פלעגען מיט טרערען אין די אויגען דערצעהלען וועגען זייער אומגליק און בעטען, מען זאָל זיי צולאָזען צו זייער טאָכטער.

די שוועסטער פלעגט אויך מיט טרערן אין די אויגען ענטפערען:

— גלויבט מיר, אז איך הער דעם נאמען פון אייער טאכטער דאס ערשטע מאל, די איז ביי אונז ניטא. איהר ברויכט זי זוכען ערגעץ אנדערש.

די עלטערען אבער וויסענדיג, אז מאניא קאן זיך אין ערגעץ ניט געפינען נאר דא, האבען ניט אפגעטראטען און ווייטער געוויינט פאר דער שוועסטער.

— אפשר ווייסט איהר ניט, ווייסען אנדערע.

— פון וואנען זענט איהר אזוי זיכער, אז זי געפינט זיך נאר ביי אונז? קארג אנדערע מאנאסטירען זענען דא אויף דער וועלט, וואס גראדע אונזערער? אונזער מאנאסטיר נויט קיינעם ניט זיך טויפען און פאנגט ניט קיינעם, נאר ווער עס וויל מיט דעם גוטען ווילען, דער קומט צו אונז.

— די איז נאך א קינד, וואס ווייסט זי, לאזט מיך נאר רעדען מיט איהר א פאר ווערטער און אויב די וועט זאגען אונז אין די אויגען, אז זי וויל מעהר פון אונז ניט וויסען, דאן וועלען מיר פערגעסען אן איהר ווי אן א טויטען און וועלען מעהר אייער מאנאסטיר ניט בעאונרוהיגען.

— גלויבט מיר, אז איך ווייס ניט און קיינער ווייסט דא ניט פון אייער טאכטער. פיעל פון אייערע לייט קומען פרעגען אויף זייערע טעכטער, זיי ענטלויפען איך ווייס ניט וואו און צו אונז קומט מען פרעגען.

עס קומט אן צום טויער א צווייטע שוועסטער און מישט זיך אריין אין שמועס.

— ווידער יודען! צו וואס לאזט מען זיי גאר צו אהער?

— וואס קאן מען טהון מיט זיי, דו קענסט

ניט די יודען, אז זיי טשעפּען זיך אין עפּעס און איז ניט מעגליך מיט שטעקענס זיי אָבצוטרייבען.

ר' זעליג מיט חנה'ן הערען ניט אויף צו בעטען מען זאָל אויף זיי רחמנות האָבען, אויב זיי ווילען ניט רחמנות האָבען אויף זייער קינד.

— וואו זאָלען מיר נעהמען אייער טאָכטער?

— פֿרעגט ביי אייך אין מאָנאַסטיר, אפשר ווייסט עמיצער.

אום זיך אָבצושטשעפּען, זאָגען זיי צו די עלטערען, אז זיי וועלען נאָכפֿרעגען און דער שוועסטער טויער פֿון מאָנאַסטיר פֿערמאַכט זיך פֿאַר זיי, און די אומגליקליכע עלטערען בלייבען שטעהן וואַרטען.

— אפשר, איז זי טאַקע ניטאָ, פֿאַלט אריין אין ספֿקות ר' זעליג.

— וואָס פֿאַלט דיר איין? זאָגט חנה, וואו דען איז זי, אז ניט דאָ? אז ניט וויים איך דען ניט וועמעס ארבייט עס איז? פֿלעג איך דען ניט זאָגען, אז קיין גוטס וועט ניט אַרויסקומען פֿון איהר געהן צום עקאָנאָמס קינדער, און דו פֿלעגסט גאָר אָנקוועלען, וואָס זי קומט אין אַ פּריצ'ש הויז צווישען פּריצים. וואו קומען מיר צו זיי, יעדער דאַרף זיך קענען זיינס. דאָס איז דער מוהמע סיווי-יאַנסקעס ארבייט, די האָבען אונז ניט פֿערגוּנען אַזאַ טייער קינד מיט וועלכען גאָט האָט אונז געבענשט, האָבען זיי זי ביי אונז אַרויסגעריסען. קאָרג וואָס זיי ווילען נאָך ביי אונז צונעהמען די מיהל, אַז מען זאָל זיך פֿערדינגען איין אַנדערען.

ר' זעליג שרה'ס זיפֿצט.

— די פּרנסה, דאָס שטיקעל ברויט פֿערגינען זיי אונז ניט, ווילען זיי נאָך צונעהמען ביי אונז די קינדער.

— איך וועל פֿון דאַנען ניט אַוועקגעהן ...

זאָל אַפילו ווייסען, אַז איך וועל דאָ שטאַרבען, אַ טויטע מיך צונעהמען פון דאַנען, וועל איך ניט אװעקגעהן, מײַן קינד איז דאָ, אַז ניט ווייס איך ניט, אַז די שוועסטער אירינאַ מיט די סיוויאַנסקעס זענען קרובים?

— און טאַמער איז זי פאָרט דאָ ניטאָ?

— וואו דען איז זי, נאָר דאָ איז זי. דער ייד פון דער קרעטשמע האָט דען ניט דערצעהלט, אַז ווען ער איז געשטאַנען יום כפור בײַנאַכט בײַ דער שוהל אין שטעדטעל צ—ן, זענען פאַרבײַ געלאָפען אַ ברישקע מיט צוויי פאַרשוין, די פערד האָט מען צו שטאַרק געטריבען, דער ייד האָט געזאָגט, אַז עס איז איהם באַלד עפּעס אַרײַנגעפאַלען אַ חשד.

— אודאי, אודאי איז זי נעבעך דאָ און וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? האָט ר' זעליג ניט אויפגעהערט צו ברעכען די הענד.

— אײַן גאָט זאָל אונז העלפען, זעליג, נאָר מיר דאַרפען ניט אָפטרעטען פון דאַנען, וועלען די אונז טרײַבען וועלען מיר מאָרגען ווידער קומען.

— וואָס זשע וועט דערפון אַרויסקומען?

— די וועלען מוזען אונזער קינד אָפּגעבען, די וועלען מוזען.

פלוצים האָט זיך ווידער געעפענט דער טיער פון מאָנאַסטיר און עס האָט זיך בעוויזען אַ שוועסטער, וועלכע האָט זיך געווענדעט צו מאַנאַכען עלטערען מיט די ווערטער:

— אונזער עלטסטע וואַרט אויף אייך און האָט אייך ערלויבט קומען צו איהר.

מיט דער גרעסטער שמחה און גוטע האָפנונגען האָבען מאַניאַס עלטערען איבערגעטראָטען די שוועל פון מאָנאַסטיר.

איין און צוואנציגסטעס קאפיטעל.

מאניא׳ס עלטערען אין מאנאסטיר.

מאניא׳ס עלטערען האט די שוועסטער אריינגעפיהרט אין א פאדער־הויז, וואו עס האבען זיך געפונען עטליכע אלטע שטוהלען און א פאר טישלען. די ווענד זענען געווען כמעט אין גאנצען בעהאנגען מיט אלטע בילדער און אין איין ווינקעל האט געברענט א לאמפאדע.

— זעצט זיך אנידער און ווארט, ביז אונזער עלטסטע שוועסטער אירינא וועט ארויסקומען צו אייך, — האט די שוועסטער, וועלכע האט זיי בעגלייט, געזאגט העפליך.

אין ציטערניש און מיט קלאפענדיגע הערצער האבען זיי זיך געזעצט אויף א באנק, וואס איז געשטאנען ביי דער טהיר.

עס האט געדויערט א גאנצע שעה. פערשיעדענע שוועסטער, געקליידעט אין שווארצען און אין ווייסען, זענען אריינגעקומען מיט איינגעבויגענע און פערדעקטע קעפ אזוי, אז מען האט זייערע פנים׳ער ניט געקאנט אין גאנצען זעהען. זיי זענען פערפאלען געווארען אין פערשיעדענע טהירען און שפעטער צוריקגעגאנגען און עס זענען ווידער אנגעקומען נייע.

— ווער ווייסט, ביז וואנען מען וועט אונז לא־

זײַן דאָ װאַרטען — האָט ר׳ זעליג געזאָגט צו חנה׳ן.

— אפשר געדױערט דערפאַר, װאָס מען איז געגאַנגען רופען אונזער מאָכטער? געלױבט איז גאָט, װאָס מען האָט אונז חאָטש צוגעלאָזט אַהער. איך װעל ניט אַװעקגעהן, ביז מען װעט ניט אָפּגעבען אונזער קינד; װאָס האָבען זײ צו אונז?

— מסתמא איז עס פון גאָט. אפשר װעט ער אױף אונז שױן איצטער רחמנות האָבען.

אין דעם איבעררעדען זיך, איז צוגעקומען אַ שװעסטער און זײ אָנגעװיזען אױף אַ טהיר, װאו עס װאַרט אױף זײ די שװעסטער אירינאַ.

איבערגעהענדיג פון אײן צימער אין צװײטען, װעלכע זענען אַלע רײך פּיצפּוצט, זענען זײ ענדליך אַרײנגעקומען אין אַ גרױסען זאַל, װעלכער האָט מיט זײן רײַכקײט פערבלענדעט די אױגען.

דאָ איז געזעסען אױף אַ גרױסע שטוהל די שװעסטער אירינאַ, אַרומגערינגעלט מיט עטליכע שװעסטער אנגעטהון אין װײסע און אין שװאַרצע קלײדער.

אױסער די שװעסטער אירינאַ, זענען אַלע געשטאַנען, און מאַניאַ׳ס עלטערען האָט מען אױך געלאָזט שטעהן.

— מען האָט מיר איבערגעגעבען — האָט זיך די שװעסטער אירינאַ געװענדעט צו מאַניאַ׳ס עלטערען, — אַז איהר װילט מיך זעהען, אַז אײַך האָט געטראָפען אַ גרױסער אומגליק און איהר װילט עפּעס בעטען בײַ מיר. די טהירען פון אונזער מאָנאַסטיר זענען ברײט אָפען פאַר אַלע אומגליקליכע מענשען, װעלכע זוכען בײַ אונז הילף. זאָגט װאָס װילט איהר, און װאָס מיר העלפען נאָר קאָנען, װעלען מיר, מיט גאָט׳ס הילף, טהון, אום צו פערגרינגערען אײַערע שמערצען, װעלכע האָבען אײַך

געבראַכט אין אונזער מאָנאַסטיר.

מאַניאַ'ס עלטערן, פון גרויס דאַנקבאַרקייט, וואָס זי איז אַזוי גוט צו זיי און וויל זיי העלפען אין זייער אומגליק, האָבען זיך געוואָרפען איהר קושען די הענד.

— בערוהיגט איך, דערצעהלט וואָס ווילט איהר פון אונזער מאָנאַסטיר.

ר' זעליג מיט זיין ווייב זענען געשטאַנען ווי פערגליווערט און ניט געקאָנט אַרויסרעדען אַ וואָרט.

— בערוהיגט איך און זאָגט, וואָס ווילט איהר פון אונזער מאָנאַסטיר?

— ווייסט איהר דען ניט, צוליעב וואָס מיר זענען געקומען צו איך? — האָבען מאַניאַ'ס עלטערן קוים אויסגערעדט.

— איך בין ניט קיין נביאשע, וואָס איך זאָל קאָנען וויסען; איך בין אַ זינדיגער בשר ודם גלייך מיט אַלע מענשען, און אַלעס וואָס גאָט ווייסט איז פאַר מיר, ווי פאַר אַלע מענשען פערבאָרגען.

— מיר זענען געקומען איך בעטען, איהר זאָלט אונז אָבגעבען אונזער קינה, וועלכע געפינט זיך ביי איך אין מאָנאַסטיר.

די שוועסטער אירינאַ האָט זיך אומגעקוקט צו די איבעריגע שוועסטער, וואָס זענען געשטאַנען נעבען איהר, און קאַלט געענטפערט מאַניאַ'ס עלטערן:

— וועגען דעם זענט איהר צו אונז געקומען און מיך געוואָלט זעהען?

— וואָס דען האָבען מיר דאָ צו טהון? מיר בעטען איך, איהר זאָלט רחמנות האָבען אויף אונז און אונז אָבגעבען אונזער טאָכטער.

— וואָס הייסט איך זאָל זי איך אָבגעבען?

איך האָב זי בײַ אײַך ניט גענומען, קאָן איך זי אײַך ניט אָפּגעבּן. אײַער טאָכטער איז ניט קײן קינד, ניט קײן זאַך, װאָס מען זאָל זי קאָנען נעהמען און אָפּגעבּן. זי איז צו אונז אַלײן געקומען מיט איהר גוטען װילען און מיט איהר גוטען װילען קאָן זי אַװעקגעהן פון אונז. מיר נויטען קײנעם ניט. אומזיסט מאַכען אײַערע יודען אַ שלעכטען שם אונזערע מאָנאַסטירען, אַז זײ נעהמען מיט געװאַלד אײַערע קינדער און שמד'ן זײ. דאָס איז אַ בּלבּול.

— געלויבּט איז גאָט, װאָס איך הער פון אײַך, אַז זי איז דאָ, האָט זיך חנה אָנגערופען.

— געלויבּט איז זײַן ליעבּער נאָמען, האָט זעליג געזאָגט.

— יאָ, זי איז דאָ, איך װיל פון אײַך ניט לײקענען, חאָטש װי איך האָב זיך דערװאוסט, האָט מען אײַך געזאָגט אַז זי איז דאָ ניטאָ, דאָס האָט אײַער טאָכטער זעלבּסט געבּעטען, מען זאָל אײַך און אַלע אַנדערע, װעלכע װעלען פרעגען אויף איהר, זאָגען, אַז זי איז דאָ ניטאָ, װײַל זי האָט זיך אָנגעזאָגט פון אײַך און אײַערע יודען, אָפּגעקערט און װיל אײַך מעהר ניט קאָנען.

— װעה איז מיר, האָט חנה אָנגעהויבּען בּרעכען די הענד — עס איז דאָך ניט מעגליך, מײַן מאַניאַ זאָל אַזױ רעדען און זיך אָפּזאָגען פון אונז!

— און איהר זעהט דאָך, אַז עס איז פּונקט אַזױ. װען אַ קינד זאָגט זיך אָפּ פון עלטערען און פון זײַן פאָלק, זענען די עלטערען און דאָס פאָלק זעלבּסט שולדיג.

— עס איז ניט מעגליך! לאָזט מיך זי זעהן און מיט איהר רעדען, װעט איהר אַלײן הערען.

— איך האָב שוין פון איהר געהערט.

— איך וויל הערען פון איהר אייגען מויל. איך וויל זי זעהען, מעהר וויל איך ניט, ווי זי זעהען און מיט איהר רעדען, דאס איז מיין איינציגע בקשה צו אייך.

די שוועסטער אירינא האט זיך געווענדעט צו א שוועסטער:

— געה און זאג מאניא'ן, אז איהרע עלטערען זענען דא און ווילען זיך מיט איהר זעהען, זאל זי קומען אהער.

ר' זעליג מיט זיין ווייב, דערהערענדיג די ווערטער, האבען זיך ווידער געווארפען קושען די הענד פון דער שוועסטער אירינא, און אונגעדול־דיג און פול מיט שמחה האבען זיי געווארטעט צו זעהען זייער טאכטער.

מען האט מאניא'ס עלטערען געהייסען ווארטען אויף זייער טאכטער אין פאדער־הויז. מען האט זיי ווידער געפיהרט איבער אלע צימערן, צוריק אין פאדער־הויז.

חנה האט זיך געטראכט, אז אויב חס ושלום עס איז אמת ווי די שוועסטער דערצעהלט, אז זי וויל אונז מעהר ניט קענען, וועל איך ווייגען פאר איהר, זי בעטען, מיינע טרערען וועלען זי ריהרען, זי איז דאך אזא גוט קינד.

— וואס פאלט דיר איין, חנה,, זי וועט גלייך מיט אונז אוועקפאהרען אהיים, וואס האט זי דא צו טהון? געלויבט איז גאט, וואס מיר האבען זי געפונען און ווייסען שוין זיכער, אז זי געפינט זיך דא.

— אודאי בין איך ניט ווערט צו דערמאנען זיין ליעבען נאמען פאר דעם חסד וואס, ער האט היינט מיט אונז געטהון.

פערשיעדענע שוועסטער זענען ווידער גע־

גאַנגען הין און צוריק און בײַ יעדעס מאָל עפּע־גען די טהיר האָבען זײַ געוואַרט, אַז אָט, אָט רופט מען זײַ, זיך זעהען מיט זייער קינד.

— וואָס געדויערט אַזוי לאַנג? פרעגט ר׳ זעליג זײַן ווײַב.

— ווער ווייסט? אַקינד, אפשר שלאָפט זי, וויל מען זי ניט אויפוועקען, מיר זאָל זײַן פאַר איהר, מײַן הערץ ווערט צוריסען, איך האָב זי שוין אַזוי געוואָלט זעהען — און טרערען האָבען זיך אָנ־געהויבען גיסען פון איהרע אויגען און זי האָט שטיל געוויינט.

ר׳ זעליג האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטען פון וויינען.

— בערוהיג זיך חנה, עס פּאַסט דאָ ניט צו וויינען, זי וועט באַלד קומען, וועלען מיר פאָהרען אַהיים.

— איך קאָן ניט אײַנהאַלטען מײַן הארץ, איך האָב זי שוין אַזוי לאַנג ניט געזעהען, מיר זאָל זײַן פאַר איהר, ווער ווייסט, ווי זי זעהט אויס, אפשר איז זי גאָר ניט געזונד.

— וואָס פעהלט דיר אײַן! זי זאָל חס ושלום ניט געזונד זײַן, וואָלט מען אונז געפיהרט צו איהר. זי וועט באַלד קומען. גלויב מיר, אַז איך דערמאָן זיך וואָס עס טהוט זיך אין דער היים אָהן מיר, ווי געהט עס דאָרט די מיהל אָהן מיר, שטעלען מיר זיך די האָר קאַפּויר, נאָר וואָס זאָל מען טהון, אַקינד איז ביליגער.

— די מיהל האָבטו אין זינען, און פון דער גאַנצער שטוב, וואָס קאָן ווערען אָהן מיר? נאָר זאָל אַלץ זײַן אַ כפרה, אַבי מײַן קינד זעהען צוריק. איך זינדיג ניט, אַבי נאָר מײַן קינד.

— עס געדויערט און זי קומט נאָך אַלץ ניט.

— זאָל זי נאָר זיין געזונד, אַרט מיך ניט, אַז מיר וועלען נאָך אַ ביסעל צוואַרטען. נאָר געזונד זאָל זי זיין.

פלוצים האָט זיך געעפענט אַ טהיר און עס איז אַריינגעקומען אַ שוועסטער און געזאָגט מאַניאַ'ס עלטערען:

— צום בעדויערען, קאָן איך אייך איבערגעבען אין נאָמען פון אייער טאָכטער, אַז זי וויל דיך מיט אייך ניט זעהען. איך האָב פיעל מיט איהר אַריינגעטענה'ט און עס האָט גאָר ניט געהאָלפען.

— עס איז אַ ליגען! האָט חנה ניט מיט איהר קול אויסגעשריען — לאָזט מיך צו מיין קינד! האָט זי ניט אויפגעהערט שרייען און וויינען.

אין פאָדער־הויז, וואו עס האָבען זיך געפינען נאָך שוועסטער, איז געוואָרען אַ טומעל.

צוויי און צוואנציגסטעס קאפיטעל.

אין שטילען דארף.

אין דארף, וואו עס וואהנען מאניא'ס עלטערען, איז איצטער שטילער ווי געוועהנליך, צום ווייסען הויז, וואו דער עקאנאם מיט זיינע פערזעסענע טעכטער, פלעמעניצעס און מוהמעס געפינען זיך, קומען ווייניג געסט, עפעס האט יעדער מורא, יעדער ווייכט־אויס דאס הויז וואו עס איז פארגעקומען א שרעקליכע דראמע, וועלכע האט זיך נאך ניט געענדיגט און יעדער האט מורא געהאט, זיך ניט פערמישען אין דער דראמע, וועלכע קאן זיך אפשר זעהר מיאוס אויסלאזען פאר די אנטיילנעהמער און פאר די, וועלכע קומען אין דעם ווייסען הויז. דעריבער האבען די פריהערדיגע געסט אויסגעווייכט דאס הויז, און ווען די דארטיגע שטענדיגע איינוואהנער האבען אמאל בעגעגענט זייערע בעקאנטע און געפרעגט פאר וואס זיי קומען ניט, האט מען זיי אבגע'פטר'ט מיט א ענטפער, אז מען איז בעשעפטיגט און מען האט קיין צייט ניט.

און דער פעלדשער פון דארף, לודוויגס פאטער, האט גלייך געענטפערט דעם עקאנאם סיוויאנסקי'ס ביידע „מוהמעס“:

— איך און מיין חייב קומען ניט צו אייך איבער דער געשיכטע מיט מאניא'ס ענטלויפען.

— וואס הייסט, וואס האט איהר דא מורא צו האבען?

— מורא האבען מיר ניט, נאר דאך ווילען מיר ניט, אז עס זאל פאלען א חשד אויף אונז,

ווייל מיר קאָנען נאָך ניט וויסען מיט וואָס די געשיכטע וועט זיך ענדיגען.

— וואָס קאָן זיך דאָ ענדיגען? זי האָט געוואָלט ענטלויפען, איז זי ענטלאָפען, אַ אייער וואָהן איז מיט איהר געלאָפען, ווער האָט זיך דאָס געקאָנט אָבזאָגען פון אַזאַ גרויסע מצוה ווי פיהרען אַ פערבלאָנדזעטע אונשולדיג קינד צו דער שמד?

— פאַר מיין זוהן בין איך ניט פעראַנטוואָרטליך, איך האָב אויך ליעב צו טהון אַ מצוה, ווען עס ווערט געטהון אַזוי ווי עס בעדאַרף צו זיין, שטיל, רוהיג, אַז קיין הונד ווייסט ניט, און דאָ ווייסט שוין באַלד אַ האַלבע וועלט. די יודען וועלען עפּעס שווייגען, באַלד ווי זיי ווייסען וואו זי געפינט זיך?

און דער פעלדשער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען מיט גרויסקייט, ווי ער און נאָך אַנדערע אין די אַמאָליגע יאָהרען, פלעגען ניט איין יודישקע פיהרען צום שמד אין די מאָנאַסטירען און שאַ, שטיל, ווייערע נשמות זענען שוין לאַנג אין גן עדן, און דאָ מיט מאַניאַ'ן טהוט זיך עס אַביסעל, עס קאָכט אַרום אין אַלע דערפער און שטעדט און איין גאָט ווייס מיט וואָס פאַר אַ סקאַנדאַלען די געשיכטע וועט זיך ענדיגען.

— וואָס־זשע טהוט מען? — האָבען די „מוהמעס“ געפרעגט אין איין ציטערניש.

— עס איז דאָ נאָר צוויי וועגען: אָדער מען זאָל זי אָבגעבען איהרע עלטערען אַזוי, אַז זי זאָל אַליין פלוצים קומען אין דאָרף צו זיך אַהיים, אָדער מען מוז זי אַוועקפיהרען פון דעם מאָנאַסטיר ערגעץ ווייטער, אַז קיינער זאָל זיך מעהר ניט דערוויסען.

— עס איז גרינג צו זאָגען, מאַניאַ'ן אָבגעבען איהרע עלטערען. וויפיעל אַרבייט, וויפיעל שרעק קאָסט אונז און ווי זאָגט מען זיך אָב פון אַזאַ מצוה? ווי נעמט מען אויף זיך אַזאַ גרויסע עבירה, און אַזאַ טייערע ריינע נשמה צוריק איבערגעבען צו די שדים, די יודען, און וואָס וועל איך קאָנען זאָגען די שוועסטער אירינאַ?

— טהוט ווי איהר פערשטעהט, „מיין שטים איז אין דער זייט".

— וואָס מאַכט איהר זיך אַזוי ניט וויסענדיג! אייער זוהן האָט דאָך דעם גרעסטען אַנטייל גענומען אין דער געשיכטע.

— מיין זוהן? וואָס מיין זוהן? ער איז פאַר זיך אַליין אַ מענש, איך בין פאַר איהם ניט פערענטוואָרטליך, מאַלע וואָס ער אַלס יונגערמאַן האָט צו טהון מיט פערשיעדענע מיידלעך! איך גלויב, אַז אין דער געשיכטע מיט מאַניאַ'ן האָט ער ניט געזוכט קיין מצות, איהם איז וועניג אָנגעגאַנגען איהר שמד, ער האָט אין מאַניאַ'ן געזוכט אַ שען מיידעל און ווייטער גאָרניט.

— מעהר ניט, זאָגט איהר, איין איינציגער טאַטע, דאָס איז אַ גרויסע זינד!

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז פאַר מיין זוהנ'ס זינד וועל איך ניט אָבקומען, יעדער קומט־אָב פאַר זיך.

— ווי באַלד אַזוי—האָבען די מוהמעס געענטפערט און זיך איבערגעצלמ'ט,—ווי באַלד אַזוי, טאָר מען דאָך לודוויגען ניט אַריינלאָזען אין אַ לייטיש הויז.

— ווי איהר ווילט אייך. איך וועל זיין צופרידען, אַז איהר וועט איהם צו אייך מעהר ניט אַריינלאָזען, ער איז אַ פראָסטען פעלדשערס אַ

זוהן און דארף זיך ניט שטופען אין די הויכע פענסטער צווישען די פּריצים. מיין זיידע איז געווען א פּראָסטער מענש און איך אויך, ווי קומט מיין זוהן צו אזעלכע לייט? איך האָב איהם געלאָזט לערנען גראַמאָטא און דערנאָך אין די שקאָלעס, איז ער ביי זיך א גאַנצער פּריץ געוואָרען.

— איהר רעדט מיט אונז צו פיעל העזה'דיג, איהר לאַכט פון אונזער הויז.

— זייט מיר מוחל, איך מיין ניט קיינעם צו בעליידיגען, איך רעד נאָר וועגען מיין לודוויגען, וואָס איז מיר צופיעל פּריץ געוואָרען און פערגעסט, אַז זיין טאַטע איז איין אָרעמער דאָרפישער פעלדשער און זיין מאַמע אַרבייט שווער אויף אונזער שטיקעל פעלד און לודוויג הוליעט, א לעדיגגעהער געוואָרען, ער פערגעסט, אַז איך קאָן שוין אזוי פיעל ניט אַרבייטען, און שולדיג בין איך אַליין וואָס איך האָב איהם געשיקט אין די שקאָלעס, איז ער א גרויסער פּריץ געוואָרען.

ברוגז און אָהן א זיי געזונד זענען די פּריצישע מיהמעס אוועקגעגאַנגען פון פעלדשער און טרויעריג, שטיל, פערפאַלען געוואָרען אין וויסען הויז.

אין דאָרף איז שטיל און טרויעריג. איבערהויפּט האָט אָנגעמאַכט א אומעט אויף די דאָרפסלייט, וואָס מען האָט מעהר ניט דאָס קלאַפּען פון די רעדער אין ר׳ זעליג שרה'ס מיהל. זינט ער מיט זיין ווייב זענען אַוועקגעפאָהרען זוכען מאַניא'ן האָט זיך די מיהל געשטעלט, א טאָג צוויי איז זי נאָך געגאַנגען פון דעם זאַפּאַס קאָרען, וואָס ער האָט נאָך פאַר יום-כפור אָנגעגרייט. ווען עס האָט זיך דער זאַפּאַס אויסגעלאָזט, האָט דער אַלטער גוי זשיבעק זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבען, ער

איז געגאַנגען צו דער אַלטער דבורה, וועלכע איז געבליבען אַליין אין שטוב, זי פֿרעגען, וואָס טהוט מען ווייטער מיט דעם מאָהלען אָהן קאָרען, האָט זי איהם געענטפֿערט:

— וואָס מיר מאָהלען, ווער מיר מיהל, פֿאַר אונז איז איצטער אַלץ איינס, כל זמן מען וועט אונזער מאַניאַ'ן ניט געפֿינען.

און דער אַלטער זשיבעק האָט מיט אַ קרעכץ אָבגעשטעלט די רעדער פֿון דער מיהל און עס איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרען, אַ טויט-שטילקייט האָט אָנגעהויבען הערשען אין מיהל. און דער אַלטער זשיבעק, וועלכער איז פֿיעל צעהנדליגער יאָהרען צוגעוואָהנט געוואָרען צום רעש פֿון דער מיהל, האָט שטיל צו זיך געזאָגט, קוקענדיג אויף די רעדער:

— געלעבט און אָבגעשטאָרבען, שאַ, שטיל ווי אויף דעם בית-הקברות. באַלד וועל איך אויך שטאַרבען, אַלעס מוז שטאַרבען.

זשיבעק האָט פֿערשלאָסען די מיהל און האָט זיך איבערגעקליבען צו זיין בעל-הבית אין הויז און זיך אַרויפֿגעלעגט אויף דעם אויווען און פֿלעגט שעה'ן ווייז דאָרט אָבליגען, ביז די אַלטע דבורה פֿלעגט אויף איהם אָנשרייען, ער זאָל אַראָבקריכען.

— וואָס וועל איך טהון, אַז די מיהל שטעהט, איך קאָן ניט לעבען אָהן אַרבייט, ליג איך אויף דעם אויווען.

און די אַלטע דבורה האָט אַ זיפֿץ געטהון.

— ביזט גערעכט, זשיבעק, שווער זיך אַרומ-דרעהען זיך אָהן דער אַרבייט, ווען מען איז צוגעוואָהנט.

און דבורה פֿלעגט איהם טרייסטען, אַז איהר זוהן מיט הנה'ן וועלען זיך אומקעהרען און ברענ-

גען מיט זיך מאַניאַ'ן, די מיהל וועט ווידער אָנ־הויבען געהן און עס וועט ווידער פֿרעהליך ווערען אין דאָרף.

אַפֿילו פֿרעמדע פֿערבייגעהער פֿלעגען ניט אָהן קיין זיפֿץ פֿערבייגעהן דורך דער מיהל. די דאָרפֿסלייט זענען פֿון קינדווייז אָן צוגעוואָהנט צום רעש פֿון דער מיהל, ווען נאָך דבורה'ס מאַן האָט די מיהל געהאַלטען אין אַרענדע.

שטיל, טרויעריג און אָהן רעש איז איצטער געלאָפֿען דאָס טייכעל זאַסטאַווקע פֿאַרביי דער מיהל, קיין איינציגע ראָד האָט דאָס לויפֿען פֿון טייכעל ניט אָבגעשטעלט.

אין דער שטילקייט איז פֿאַרביי דעם טייכעל געגאַנגען יאַן און דערזעהענדיג, אַז זי איז פֿער־שלאָפֿען, האָט ער זיך געלאָזט געהן צו ר' זעליג שרה'ס הויז.

— איך וועל זיי גלייך זאָגען,—האָט ער ביי זיך פֿעסט בעשלאָסען,—איך וועל זיי אָפֿען זאָגען, אַז זיי וועלען לאָזען חתונה האָבען פֿאַר מיר מאַניאַ'ן, וועל איך זי בעפֿרייען פֿון מאָנאַסטיר...

דרייאונצוואנציגסטעם קאפיטעל.

א משכון.

ווען יאן איז אריינגעקומען צו מאניא'ס על־טערען אין הויז, האט ער געפונען נאר דבורה'ן, וועלכע איז ווי א האלב קראנקע געזעסען נעבען טיש און דער אלטער מיהל־גוי זשיבעק איז געלעגען אין קיך.

דבורה האט זיך דערשראקען דערזעהענדיג יאנ'ען, ווייל זי האט שוין לאנג ניט געזעהען קיין מענשען, וואס זאל קומען צו זיי אין הויז.

— וואו איז אייער זוהן מיט אייער שנור? האט יאן געפרעגט נאכדעם ווי ער האט אפגעגעבען א גוט־מארגען.

— וואו זאל ער זיין? — האט דבורה געענטפערט מיט א זיפץ און געבעטען איהם זיצען.

— נאך זוכט ער מאניא'ן?

— וואס דען? ווי קאנען מיר לעבען אהן איהר?

— ווען וועלען זיי קומען אהיים?

— איין גאט ווייסט!

— איביג וועלען זיי דאך ניט ארומזוכען מאניא'ן, די מיהל קאן דאך איביג ניט שטעהן און פון דעם גאנצען הויז ווערט דאך א תל.

— וואס זשע זאלען מיר טהון, ווען גאט האט אונז אזוי געשטראפט.

— אַ שאָד וואָס זיי זענען ניטאָ. איך קאָן ניט צו זעהען אייער רחמנות, איך וואָלט אייך פיעל געהאָלפען מאַניאַ'ן צו געפינען. איך ווייס וואו זי איז.

— וואָס קומט אַרויס, מיין זוהן שרייבט מיר אויך, אַז ער ווייסט שוין וואו זי געפינט זיך און דאָך גיט מען אונז ניט אָב מאַניאַ'ן.

— האָס, זיי ווייסען שוין? — האָט ער פער־וואונדערט געפרעגט — פאַר וואָס־זשע נעהמט איהר ניט מאַניאַ'ן אַהיים?

— זיי זאָגען, אַז מאַניאַ וויל דאָרט בלייבען און וויל אונז ניט קענען. איך גלויב ניט.

— און אייער זוהן האָט זי שוין געזעהען, גערעדט מיט איהר?

— ניין, זיי זאָגען, אַז מאַניאַ וויל ניט זעהען איהרע עלטערען.

יאַן האָט זיך פון דעם נייעם אויפגעחאַפט פון אָרט און צו זיך געזאָגט: דאָס איז אַ ליגען, זי האָט מיך אַזוי געבעטען, איך זאָל זי נעהמען אַהיים.

— וואו געפינט זיך איצטער אייער זוהן מיט אייער שנור? איך דאַרף זיי נויטיג זעהען.

— וואו זאָלען זיי זיך געפינען, דאָרטען נעבען מאָנאַסטיר, אין שטעדטעל צ—ן.

— וואָס טהוען זיי דאָרטען, ווען מען וויל זיי מאַניאַ'ן ניט געבען?

— זיי זוכען מיטלען, חאָטש זיך זעהען מיט איהר, הערען פון מאַניאַ'ן, וואָס וועט זי זאָגען, ווען זי וועט זעהען די עלטערען. עס איז דאָך ניט מעגליך זי זאָל אונז ניט וועלען קענען.

יאַן איז געזעסען אַ פּאָר מינוט אָהן ווערטער. ער האָט זיך שוין אָנגעהויבען געזעגענען און

פלוצים האָט ער אָנגענומען די אַלטע דבורה ביי דער האַנד און איהר געזאָגט:

— זאָגט מיר, אַז איהר וועט מיר ניט אָבזאָגען וואָס איך וועל אייך בעטען, וועל איך אייך ברייגנען פון מאָנאַסטיר מאַניאַ'ן.

— אויב דו קאָנסט עס אויספיהרען, ווייסטו ווי מיר וואָלטען דיר אָבגעדאַנקט. וואָס דו זאָלסט ניט בעטען וועלען מיר דיר אַוועקגעבען, אַלעס וואָס מיר פערמאָגען, אָבער דו ווייסט דאָך אַז מיר זענען ניט רייך...

— אַז איך וויל ניט קיין געלד...

— וואָס זשע דען? האָט דבורה פערוואונדערט געפרעגט.

— איך פערלאַנג נאָר איין זאַך, אַז איהר אַלע זאָלט ניט זיין דאַגעגען אַז זי זאָל מיט מיר חתונה האָבען. איך וועל וואוינען מיט איהר טאַקע דאָ אין דאָרף און איהר וועט פון אייך ניט פערפרעמדט ווערען.

— וואָס רעדסטו יאַן? האָט די אַלטע דבורה אויסגערעדט אַ דערשראָקענע: וואָס רעדסטו? איך פערשטעה ניט. צי מיינע אַלטע אויערען הערען ניט?

— וואָס זאָלט איהר דאָ ניט פערשטעהען, איך בעט ביי אייך איהר זאָלט אייער איינקעל ערלויבען חתונה האָבען מיט מיר. איך האָב זי שוין לאַנג ליעב, און אַז איך וועל מיט איהר חתונה האָבען וועל איך זי אָבהיטען ווי די אויגען אין קאָפּ.

יאַן האָט געוואַרט אויף אַ ענטפער, דבורה איז ווי פערגליווערט געוואָרען און עס איז איהר שווער געוואָרען אַ וואָרט אויסצורעדען.

ענדליך האָט זי איהם געזאָגט:

— איך ווייס גאָר ניט, דער קאָפּ דרעהט זיך מיר און אין די אויגען איז מיר פינסטער.

דבורה האָט אָנגעהויבען רופען דעם אַלטען גוי זשיבעקען, ער זאָל איהר ברענגען אַביסעל וואַסער.

נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעטרונקען אַביסעל וואַסער, האָט זי זיך אָנגערופען צו יאַנען:

— ווי באַלד זי זאָל חתונה האָבען מיט דיר, קאָן זי דאָך קיין יודיש קינד ניט בלייבען?

— אַודאַי נישט.

— וואָס-זשע איז אונז דער חילוק, אַז זי וועט בלייבען אין מאָנאַסטיר?

— דאָרטען וועט זי פיהרען אַ לעבען ווי איין אַרעסטאַנט, און דאָ ווען זי וועט חתונה האָבען, ווערט זי פריי און דער מאָנאַסטיר, וועט מעהר ניט קאָנען זי אויסבעהאַלטען.

— וועה איז מיר פאַר איהר! — האָט די אַלטע דבורה זיך צעוויינט.

— זאָג מיר, יאַן, האָט זי פלוצים איהם אַ פרעג געטהון אויסווישענדיג זיך די אויגען, — פאַר וואָס ווילסטו חתונה האָבען מיט מאַניאַ'ן?

— ווייל איך האָב זי ליעב.

— און דו וועסט זיך ניט שעמען פאַר דיינע אייגענע, חתונה צו האָבען מיט אַ יודישקע?

— ניין, ווייל איך האָב זי צו פיעל ליעב, אָהן איהר קען איך ניט לעבען.

— פאַר וואָס זשע בענעהמט דו זיך שוין אַזוי שלעכט מיט איהר?

— מיט וואָס?

— דו האַלסט עפּעס מאַניאַ'ן ווי אַ משכון, וועט מען זי דיר אַוועקגעבען פאַר אַ פרוי, וועסטו זי בעפרייען, ווען ניט — בלייבט זי פאַר אַ משכון

ארעסטירט, דאָס איז עפּעס ווי אַ מעשה אין אַ בי־
כעל וועגען מערדער, וואָס זיי חאַפּען מענשען
פאַר אַ משכון, מען זאָל זיי בעצאָהלען געלד און
ווי קענסטו רעדען וועגען דעם, אַז דו האָסט זי
ליעב, ווען דו פיהרסט זיך אַזוי אויף? איך בין
שוין אַנאַלט מענש, דאָך ווייס איך, אַז ווען מען
האָט עמעצען ליעב, בענעהט מען זיך אַנדערש.
פריהער בעפרייט מען יענעם און דערנאָך רעדט
מען, זעהט מען און מען קאָן דיר ענטפערען.
איצטער איז מיין זוהן ניט צו הויז, ווייס איך גאָר
ניט וואָס דיר צו זאָגען, דאָס איינציגע וואָס איך
קאָן דיר זאָגען, איז דאָס, אויב דו האָסט זי אמת
ליעב, דאַרפסטו ניט וואַרטען אויף בעלוינונגען.
דו דאַרפסט זי ווי צום גיכסטען פריהער פאַר אַלעס
בעפרייען, ברענגען זי אַ היים און דערנאָך וועלען
מיר קאָנען רעדען. איך גלויב, אַז מען מוז מאַניאַ'ן
אויך פריהער פרעגען, צו וויל זי מיט דיר חתונה
האָבען?

— זי וועט ניט זיין דערגעגען. איך האָב
נאָר מורא, אַז ווען איך וועל זי בעפרייען, וועט
איהר זי דערנאָך באַלד מיט געוואַלד חתונה מאַ־
כען מיט אַ יודען. קענט איהר מיר פערזיכערען,
אַז איהר וועט דאָס נישט טהון?

— איך קאָן דיר אָהן מיין זוהן מיט קיין
זאַך ניט פערזיכערען; איך קאָן דיר נאָר זאָגען,
אַז ניט פאַר קיין יודען און ניט פאַר קיין קריסט,
וועלען מיר זי מיט גוואַלד ניט חתונה מאַכען. וואָס
זי וועט וועלען, וועט זי טהון מיט זיך.

— אויב אַזוי,—איז יאַן אויפגעשפרונגען—
וועט ניט געדויערען קיין פאָר טעג און איהר
וועט מאַניאַ'ן זעהען ביי זיך אין דער היים.

— הלוואי, זאל גאָט געבען,—האָט די אַלטע דבורה געזאָגט ניט גלויבענדיג.

יאַן האָט זיך געזעגענט און איז מיט אַ אימפּעט אַרויס פון שטוב, זאָגענדיג שוין ביי דער טהיר:

— אין גילסטען וועט איהר זעהען מאַניאַ'ן...

ביי די ווענד פון מאָנאַסטיר.

ווען מען האָט מאַניאַ'ס עלטערען געזאָגט אין מאָנאַסטיר, אַז זייער טאָכטער וויל זיי מעהר ניט זעהען און ניט קאָנען, האָבען זיי ניט געגלויבט. און ווען מען האָט זיי אַרויסגעפיהרט פון מאָנאַסטיר אין די טויערען האָבען זיך ווידער פערשלאָסען פאַר זיי, זענען זיי אוועק אין נאָהענטען שטעדטעל צ—ן, מודיע זיין דעם דאָרטיגען רב און די פני העיר אַז די עלטסטע שוועסטער האָט זיי אַליין מודיע געווען, אַז זייער טאָכטער געפינט זיך אין מאָנאַסטיר און זיך בעראַטען, וואָס מען זאָל ווייטער טהון.

דער דאָרטיגער רב און די אָנגעזעהענע בעלי-הבתים, האָבען שוין איין מאָל געזאָגט די אומגליקליכע עלטערען, אַז כל זמן מען ווייסט ניט אויף געוויס, וואו זייער טאָכטער געפינט זיך, איז שווער עטוואָס צו טהון.

איצטער האָבען זיך די האָפנונגען ביי מאַניאַ'ס עלטערען פערגרעסערט אַרויסצוראַטעווען זייער קינד פון גוישע הענד.

— ווי באַלד מיר ווייסען שוין וואו אונזער מאַניא געפינט זיך — האָט ר' זעליג שרה'ס געזאָגט זיין ווייב — וועט זיך קיין יוד ניט אָבזאָגען אונז

מיטצוהעלפען, אַרויסצוראַטעווען זי פון גוישע הענד.

— מיט וואָס קאָן אונז עמיצער העלפען אין אונזער אומגליק? — האָט חנה געפרעגט מיט פערוויינטע אויגען.

— וואָס הייסט מיט וואָס? מען דאַרף פאָהרען צו די „גרויסע קסיאָנדזעס“ אין דער גובערניע, אַז זיי זאָלען הייסען די שוועסטער אירינאַ אונז אָפּגעבען מיט גוטען אונזער טאָכטער, עס איז ניט איהר געשעפט צי אונזער טאָכטער וויל אונז קענען אָדער ניט.

— די קסיאָנדזעס וועלען מסתמא האַלטען מיט די „שוועסטער“ און מיט די גוטע רעדעלעך וועלען זיי אונז פערדרעהען אַקאָפּ מיינענדיג אַז מיר וועלען מיעד ווערען און זיך אָבזאָגען פון אונזער קינד. פערגיס ניט זעליג, אַז וואָס עס געדויערט לענגער ווערט פון אונז אַ תל, די מיהל שטעהט, די שטוב איז אַליין און מיר זענען נע ונד. דאָס בעסטע איז, מיר זאָהלען פאָהרען גלייך אין דער גובערניע צום גובערנאַטאָר, איהם דער־צעהלען אַלץ ווי אַזוי מען האָט ביי אונז אַוועק־גערויבט אונזער קינד.

— מיר וועלען פריהער הערען וואָס וועט אונז זאָגען דער רב און וואָס וועלען מענשען געבען פאַר אַן עצה. איך מיין, אַז דאָס בעסטע איז נאָר, צו געהן מיט גוטען און בעטען ביי די קסיאָנדזעס; מיר זענען דאָך יודען, מען דאַרף זעהען, עס זאָל חס ושלום ניט אַרויסקומען קיין אומגליק פאַר יודען. דו שפּיעלסט זיך מיט דער שוועסטער אירינאַ, זי קעהרט זיך אָן מיט די גרעסטע לייט, די גרעסטע פּריצים און גראַפען מאַכען איהר וויזיטען, הײנט וואָס קאָנען מיר אָרימע יודען טהון?

אידר מויל אליין הערען ווי זי וויל אונז ניט קענען, וועלען מיר זיך זעצען שבעה ווי נאך א טויטען און פערגעסען אן אידר.

— אידר וועט גאר ניט פועל'ן — האט מען זיי דערויף געענטפערט — מען וועט אייך צוזאגען אבלעגען פון טאג אויף טאג, עס וועט אוועקגעהן חדשים לאנג, אידר וועט זיך נאר אבּרייסען פון אייערע געשעפטען, פון פרנסה, און עס קאן חס ושלום פון אייך א תל ווערען. פערלאזט זיך אויף גאט, אז ער וועט אייך אויסהעלפען אין אייער אומגליק.

— איך דארף ניט קיין מיהל, קיין שטוב — האט חנה געענטפערט — איך מיט מיין מאן וועלען געהן דיענען און וועלען ניט רוהען, ביז מיר וועלען ניט זעהען אונזער קינד.

— זאל אייך גאט העלפען, וואו אידר וועט זיך קערען און ווענדען, האבען אלע צוגעווינשען חנה'ן.

און מאניא'ס עלטערען זענען אוועקגעפאה־רען פון שטעדטעל מיט א נייעם פלאן, שטעהען יעדען טאג נעבען די וואנד פון מאנאסטיר און פון צייט צו צייט שרייען: מאניא! מאניא! אפשר וועט זי דערהערען און זיך אנרופען און זיך בע־ווייזען אין איינע פון די פיעל פענסטער. מאניא! מאניא! האבען זיי ניט אויפגעהערט צו שרייען און מאניא האט זיך ניט אנגערופען און ניט בעווי־זען, נאר פון צייט צו צייט פלעגט זיך פון טויער בעווייזען א שוועסטער און זאגען:

— מיר בעטען אייך מיט גוטען אידר זאלט אויפהערען דא ארומגעהן און שרייען, אייער טאכ־טער וועט זיך סיי ווי סיי ניט אנרופען, אפילו ווען

ווי קאָנען מיר זיך קריגען מיט איהר? דו זעהסט דאָך, אַז כל זמן מיר זענען געגאַנגען מיט גוטען, מיט געבעט, מיט געוויינען, האָט מען אונז פאָרט אַריינגעלאָזט אין מאַנאַסטיר און מיר האָבען זיך ב״ה שוין אויף זיכער דערוואוסט, אַז אונזער מאַניאַ געפינט זיך דאָרטען.

ר׳ זעליג שדה׳ס מיט זיין ווייב זענען געקומען אין נאָהענטען יודישען שטעדטעל צ—ן און אָנגעהויבען אַרומגעהן צווישען בעקאַנטע און אָנגעזעהענע בלי-בתים, זיך עצה׳נען. אַלע, פון דעם רב ביז דעם גביר האָבען געזאָגט, אַז ווען די שוועסטער אירינאַ וויל ניט אַרויסגעבען זייער טאָכטער, איז שלעכט, קיינער קאָן איהר גאָר ניט טהון, ובפרט נאָך, אַז זי זאָגט, אַז מאַניאַ וויל מעהר ניט זעהן איהרע עלטערען.

דאָס גאַנצע שטעדטעל צ—ן און אין דער גאַנצער געגענד האָט מען מיט כעס און פעראַכטונג גערעדט וועגען דער משומדת׳טע, וואָס וויל מעהר ניט קאָנען און זעהען איהרע עלטערען.

וויפיעל מאַניאַ׳ס עלטערען האָבען פערזיכערט, אַז עס קאָן ניט זיין מאַניאַ זאָל פון זיי מעהר ניט וועלען וויסען, אַז עס איז נאָר אַנ׳אויסגעטראַכטער ליגען אום זיי ניט דערלאָזען זיך זעהען מיט זייער קינד, — האָט ניט געהאָלפען, אַלע האָבען די משומדת׳טע געשאָלטען און דערמאָנענדיג איהר נאָמען האָט מען דריי מאָל אויסגעשפיגען.

— עס בלייבט אונז קיין אַנדער זאַך צו טהון— האָבען די אומגליקליכע עלטערען געזאָגט דעם רב מיט די בעלי-בתים פון שטעדטעל — ווי צו פאָהרען אין דער גובערניע צום גובערנאַטאָר בעטען, ער זאָל פערלאַנגען מען זאָל אונז ערלויבען זיך זעהען מיט אונזער קינד, און אויב מיר וועלען פון

זי זאָל דערהערן.

— מיר װעלן ניט אַװעקגײן — האָט חנה געענטפערט — מיר װעלן ניט אױפהערן צו רופן אונזער קינד ביז מיר װעלן זי ניט זען.

— אױב איהר װעט ניט אױפהערן שרײַען, װעלן מיר געצװאונגען זײַן מיט בײזן אײַך אַװעק־טרײַבן פון דאַנען.

— װאָס סטראַשעט איהר אונז? איהר האָט צוגענומען בײַ אונז אונזער קינד האָט איהר אַלץ בײַ אונז צוגענומען און מיר האָבן פאַר קײן זאַך קײן מורא ניט. אומשטײנס געזאָגט, װאָס נאָך שלעכטערעס קאָנט איהר אונז טהון װי צו נעהמען אונזער קינד, איהר װעט אױף אונז אָנשיקן די סטאָראָזשעס (סטרוזשעס) פון מאָנאַסטיר מיט נאַ־הײַקעס, איהר װעט אָנרײַצן אױף אונז הינט, װעט איהר בײַ אײַערע װענד אונזערע טויטע קערפער געפינען, נאָר מיר װעלן פון דאַנען ניט אַװעק און ניט אױפהערן רופן אונזער קינד, ביז מיר װעלן זי זעהן.

די שװעסטער איז אַ בלאַסע פערפאַלען געװאָרען אין טױער פון מאָנאַסטיר און מאַניאַ׳ס עלטערען האָבן אין דער שטילקײט װאָס האָט געשװעבט אַרום מאָנאַסטיר ניט אױפגעהערט צו געהן בײַ די װענד און שרײַען:

— מאַניאַ! מאַניאַ!... דײַנע עלטערן רופן דיך... מאַניאַ!...

פיער און צוואַנציגסטעס קאַפּיטעל

אַ גרויסער יום-טוב אין מאָנאַסטיר.

עס איז געווען איינע פון די אָסיענדיגע לאַנגע, קאַלטע, פינסטערע נעכט. עס האָט געבלאָזען אַ קאַלטער עסענדיגער ווינט. אַרום די ווענד פון מאָנאַסטיר האָט אין דער נאַכט, געפייפט און געראַוועט אַזאַ ווינט, וועגען וועלכען דאָרפס-לייט זאָגען: „אַז שדים טאַנצען".

פון דעם מאָנאַסטיר האָט זיך אין דער נאַכט געהערט דאָס פייערליכע קלינגען פון אַלע גלאָקען און זייערע קלאַנגען האָבען זיך צוזאַמענגעמישט מיט דעם פייפען פון דעם ווינד.

אין דער נאַכט איז אין מאָנאַסטיר פאָרגעקומען אַ צווייענדיגער זעלטענער יום-טוב: דער שמד פון מאַניאַ'ן און איהר חתונה מיט יאַנ'ען.

צוליעב דעם זעלטענעם צווייענדיגען יום-טוב זענען געוועזען באַלויכטען אַלע דאָרטיגע קלוי-

פּטערס. אַלע שוועסטער, אָנגעטהון אין זייערע ווייסע קליידער, זענען אַרומגעגאַנגען פון איין קלויסטער צום צווייטען מיט שיינענדיגע געזיכ־טער, דערפון, וואָס אין זייער מאָנאַסטיר קומט פאָר אַזאַ היילינע זאַך, אַזאַ גרויסער נצחון איבער „פינ־סטערע און פערפיהרטע מענשען". היינטיגע גאָלט קומט נאָך צו „איין אָבגעראַטעוועטע שאָף צו דער גרויסער היילינער סטאַדע".

די שוועסטער אירינאַ, האָט זיך איצטער געפונען אין איהרע בעלייכטעטע, רייך פערפוצטע צימער. געקליידעט אין איהרע יום־טוב'דיגע קליי־דער און בעהאַנגען מיט עטליכע צלמ'ס פון גאָלד, געזעצטע דימאַנטען און בריליאַנטען.

מאַניאַ האָט זיך איצטער אויך געפונען אין איהר צימער. געגאַנגען איז זי אין ווייסע זיידענע קליידער, אויף איהר טרויעריג וויים בלאַס פנים האָבען אַראָבגעהאַנגען איהרע שוואַרצע שענע לאָקען.

איהר פנים איז איינגעפאַלען, די שוואַרצע אויגען בלישטשען מעהר ווי געוועהנ־ליך, ווי ביי אַ מענשען, וואָס האָט ניט לאַנג זעהר פיעל איבערגעטראָגען.

יאַן, וועלכער האָט זי ערשט צוריק מיט אַ שעה געזעהען, האָט זי געפונען פאַר נאָך שענער חי זי איז געוועזען און האָט זיך געפיהלט פאַר דעם גליקליכסטען אין דער וועלט.

— נאָך אַ פּאָר שטונדען, וועט מאַניאַ געהערן צו מיר אויף אייביג, מיין געזעצליכע פרוי וועט זי זיין. קיינער אין דער וועלט וועט זיך ניט קאָנען פערגלייכען צו מיין גליק.

און ווען יאַן איז פון איהר מיט אַ שעה פריהער אַוועק, אום מען זאָל זי צוגרייטען צום

שמד, האָט ער הייס, פול מיט ליעבע, געקושט איהר האַנד.

— מיר געזעגענען זיך ניט אויף לאַנג — האָט ער מאַניאַ'ן געזאָגט אַרויסגעהענדיג פון די שוועסטער אירינאַ'ס אַפּאַרטאַמענטען.

ווען פון די גלעקער האָבען זיך אָנגעהויבען הערען נאָך העכערע טענער, איז די שוועסטער אירינאַ מיט אַ גאַנצע סוויטע שוועסטער, צוגעגאַנגען צו מאַניאַ'ן און איהר געזאָגט:

— דו הערסט דאָס וואונדערליכע שענע פייערליכע קלינגען? דאָס איז צוליעב דיין גליק אויף ביידע וועלטען. מיר דאַרפען שוין געהן, מיין ליעב קינד.

און מיט די ווערטער האָט די שוועסטער אירינאַ אַראָפּגענומען פון זיך איינע פון די בריליאַנטענע צלמ'לעך און אָנגעטהון מאַניאַ'ן אויף דעם האַלז.

און די גאַנצע פּראָצעסיע צוזאַמען מיט מאַניאַ'ן האָבען זיך געלאָזט געהן אין רייך בעלויכטענעם קלויסטער, וואו עס האָבען ערוואַרטעט הויכע גייסטליכע און פרומע אָנגעזעהענע געסט.

דאָס קלינגען פון אַלע גלעקער, דער פייערדיגער ווינד און דאָס זינגען פון די פרויען חאָרען אין די קלויסטערס, האָבען זיך צוזאַמענגעמישט מיט די פיעל ברכות, וואָס אַלע האָבען אָבגעגעבען די „ניי געבוירענע מאַניאַ" צוזאַמען מיט איהר רעטער, מיט וועלכען עס איז נאָך דעם שמד פאָרגעקומען די חופה.

נאָר באַלד האָט אויפגעהערט דאָס קלינגען פון די גלעקער און דאָס זינגען פון די פרויען־כאָרען, עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס פייפען פון דעם בעזען אָפּיענדיגען קאַלטען ווינד.

עס איז שוין פינסטער געוואָרען אין די קלויסטערס פון מאָנאַסטיר.

מאַניאַ מיט יאַניען זענען געבליבען נעכ־טיגען אין איינע פון די שענסטע צימערען אינ'ם גאַסט־הויז, וואָס האָט זיך געפונען ביים מאָנאַסטיר.

— נו, מאַניאַ, איצטער ביזטו פריי, מיר זע־נען ביידע איצט צוויי פרייע פייגעל. צו מיין גליק איז איצט קיין ברעג ניטאָ — און מיט די ווערטער האָט ער זי היים אַרומגענומען.

— מיר פאָהרען היינט אַהיים? — האָט מאַניאַ פּלוצים געפרעגט.

— וואו אַהיים?

— צו אונז אין דאָרף, צו מיינע עלטערען.

— דיינע עלטערען וועלען אונז ביידען אַרויס־טרייבען.

— זאָרג ניט, זיי וועלען אונז ניט טרייבען זיי זענען זעהר גוטע מענשען, זיי האָבען מיך צופיעל ליעב, זיי זאָלען מיך טרייבען.

— דיך ניט, אָבער מיך, דיין מאַן!

— און מיין מאַן, מיט וועלכען דער טויט קאָן נאָר שיידען, וועלען זיי אויך ניט טרייבען.

— נו, וועלען מיר מאָרגען פאָהרען.

— ניין, היינט ביי נאַכט, טאַקע באַלד.

— זעה נאָר, וואָס פאַר אַ פינסטערע קאַלטע נאַכט עס איז, וואָס פאַר אַ מורא'דיגער ווינד עס בלאָזט! ווי איז מעגליך איצטער צו פאָהרען? מאָרגען...

— ניין, נאָר באַלד, איך האָב קיין מורא ניט פאַר אַזאַ נאַכט, ווען איך האָב קיין מורא ניט געהאַט פאַר די מאָנאַסטירסקע קעלערס. איך וויל אין די ווענד פון מאָנאַסטיר ניט בלייבען איין מינוט. הערסט יאַן, איך וויל ניט, באַלד זאָלען מיר פאָהרען.

דו האָסט מיר אַליין צוגעזאָגט, אַז באַלד נאָך דער שמד, נאָך אונזער חופּה, פֿאָהרען מיר אַוועק פֿון דאַנען, אַפֿילו איין מינוט דאָ ניט בלייבען.

אין דער זעלבער נאַכט זענען דאָס יונגע פּאָר אויף אַ ברישקע מיט צוויי פֿערד, וועלכע האָבען געהערט צום מאָנאַסטיר, דורכגעפֿאָהרען דאָס נאָהענטע שטעדטעל צ—ן. מאַניאַ האָט ביי די שוואַך-באַלייכטענדע נאַפֿט-לאַמטערנעס פֿון שטעדטעל דערקענט די שוהל, ביי וועלכע די איז מיט עטליכע וואָכען צוריק פֿערביי געפֿאָהרען די יום-כפּור'דיגע נאַכט, ווען זי איז ענטלאָפֿען מיט לודוויגען, און יאַן, מיט וועלכען זי איז ערשט היינטיגע נאַכט געשטאַנען אונטער דער חופּה, האָט אַלס פֿערשטעלטער פֿורמאַן אַנגעטריבען די פֿערד.

זיי האָבען אויסגעמידען דאָס שטעדטעל צ—ן און אין אַ האַלבער שעה זענען זיי אַריין אין גרויסען וואַלד.

— איז דאָס דער „ווילדער וואַלד"?

— יאָ — האָט יאַן געענטפֿערט — דער זעלבער וואַלד, דורך וועלכען מיר זענען פֿון דאָרף געלאָפֿען.

— דיר איז ניט קאַלט? האָט יאַן ניט אויפֿגעהערט צו פֿרעגען מאַניאַ'ן.

— ניין, יאַן, ס'איז מיר גוט, זעהר גוט.

אין דער פֿינסטערער נאַכט האָט קיינער ניט געזעהען די טרערען, וועלכע האָבען זיך שטיל געגאָסען פֿון איהרע אויגען.

— דאָס טייכעל „זאַסטאַוויקע" אין אונזער דאָרף איז נאָך ניט פֿערפֿרוירען? — האָט מאַניאַ געפֿרעגט.

— ניין, עס איז נאָך קיין פרעסט ניטאָ, עס איז נאָר קאַלט.

— איך פרעג, ווייל אונזער טייכעל האָט אַ טבע פערפראָרען צו ווערען פריהער פאַר אַלע טייכען.

— דאָס איז דערפאַר, ווייל עס איז אַ שמאָל טייכעל. אַלע שמאָלע טייכלעך ווערען פריהער פערפרוירען.

— און דאָך — זאָגט מאַניאַ — געפינט זיך אין אונזער קליין טייכעל אַ סך טיעפע ערטער וואו מען קען דערטרונקען ווערען.

— אונזער טייכעל איז טיעפער ווי אַלע אַנדערע ברייטע.

— ניט ווייט פון אונזער מיהל — דערצעהלט מאַניאַ — געפינט זיך אַזאַ טיעף אָרט, אַז מען טרעפט דאָרטען איז שוין ניט אַרויסצוקריכען.

— עס מעג זיין ווי טיעף, קען אַרויס דער, וואָס קען שווימען. נאָר דאָרטען לויפט דאָס וואַסער פון עטליכע זייטען און עס קאָכט אַזוי, אַז קיין שווימער וועט פון דאָרטען ניט אַרויס. יעדען זומער, ווען דער עולם באָדט זיך, ווען מען פערבלאָנדזשעט אַהין, מוז מען דערטרונקען ווערען.

עס איז שוין געווען צוויי ביי נאַכט, ווען מאַניאַ מיט יאַנען זענען דורכגעפאָהרען דאָס שטעדטעל קאָ—ו, וואו עס איז נאָך געבליבען אַ פערטעל וויאָרסט צו זייער דאָרף.

יאַן האָט מיט אונגעדולד ערוואַרטעט, שוין דערזעהען דאָס דאָרף וואו ער האָט בעשלאָסען, ניט אַריינפאָהרען צו מאַניאַ'ס עלטערען, נאָר צו זיינע עלטערען, וועלכע האָבען געוואוהנט פון יענער זייט דאָרף, און מאַניאַ האָט מיט אונגעדולד ערוואַרטעט צו זעהען דאָס טייכעל מיט דער מיהל.

— מיר װעלן אַרײַנפֿאָהרען צו מײַנע עלטערן — האָט יאַן געזאָגט, — זײ װײסען שוין, אַז הײַנט איז פֿאָרגעקומען די חתונה. מיר װעלן זײַן בײַ זײ גוטע געסט. מיט דײַנע עלטערן װעלען מיר זיך זעהען מאָרגען...

— זאָל זײַן צו דײַנע עלטערן, — האָט מאַניאַ גלײַכגילטיג געענטפֿערט.

יאַן האָט מיט פֿיעל גליק געװאַרט, אַז אָט באַלד, באַלד קומט ער אַהײם מיט זײַן יונגע שײנע פֿרױ, װעלכע ער האָט יאָהרען־לאַנג שטיל ליעב געהאַט און קײן מאָל ניט געװאַגט אַפֿילו צו טראַכטען, אַז זי זאָל אַמאָל װערען זײַן פֿרױ, זײַנע אױף אײביג.

דער װעג איז איהם געװאָרען לאַנגװײַליג. יעדע מינוט — אַ יאָהר.

דער קאַלטער װינט האָט זיך געשטאַרקט. דער אָפּענדיגער הימעל האָט זיך װאָס אַמאָל מעהר באַדעקט מיט דיקע װאָלקענס. דאָס טײַכעל האָט גערױשט מעהר װי תמיד און עס האָט פֿון דאָרט געצױגען נאָך אַ שטאַרקערע קעלט.

און װען די בריטשקע איז אַרױסגעפֿאָהרען אױף דעם שמאָלען בריקעל און יאַן האָט פֿול מיט פֿרײד דערזעהען דאָס דאָרף, האָט זיך מאַניאַ פּלוצים אױפֿגעהױבען פֿון דער בריטשקע און מיט איהר גאַנץ שװערקײט זיך אַרײַנגעװאָרפֿען אין טײַכעל...

דאָס לױפֿענדיגע װאַסער האָט געשװינד פֿאַרדעקט איהר גאַנצען קערפּער. יאַן מיט דעם מאַנאַסטירסקי פֿוהרמאַן האָבען ניט מיט זײערע קולות אָנגעהױבען שרײַען.

כמעט דאָס גאַנצע דאָרף איז זיך אין דער פֿינסטערער נאַכט צוזאַמענגעלאָפֿען.

— אַ דערטרונקענער! אַ דערטרונקענער! — האָט יעדער געשריען.

מען האָט אָנגעצונדען סטאַטשיקעס פון סמאָלע, אום צו זעהען דאָס אָרט, וואו דער דערטרונקענער האָט זיך געוואָרפען.

ווען יאַן האָט אָנגעוויזען דאָס אָרט, וואו מאַניאַ האָט זיך געוואָרפען, האָבען אַלע פערבראָכען די הענד.

— פון דעם אָרט האָט זיך נאָך קיינער ניט געראַטעוועט פאַ לעבעדיגער!—האָבען אַלע מיט אַ זיפץ געזאָגט.

דער עולם האָט זיך געלאָזט מיט אַ שיפעל, מיטגענומען דראָנגעס מיט שטריק, נאָר עס האָט גאָר ניט געהאָלפען.

ערשט פאַרטאָג האָט מען אַרויסגעשלעפט מאַניאַ'ן אַ טויטע...

נאָך דריי טעג האָט מען זי מקבר געוועזן אויף אַ בערגעל אויף דעם פעלד נעבען וועג, וואָס ציהט זיך פון שטעדטיל קאַ—וו אין דאָרף אַריין, ווייל ניט יודען און ניט קריסטען האָבען זי ניט געוואָלט מקבר זיין אויף זייער בית הקברות.

עמעצער האָט אויף דעם בערגעל אַריינגעשטעלט אַ צלם.

און אַלע, וועלכע פאָהרען פאַרביי דעם בערגעל, ווייסען שוין, אַז דאָ ליגט „די משומדת'טע".

(ענדע).

היטעט אייער געזונד!

עס איז ערשינען פון דרוק 5 טהייל „זייט געזונד" פון ד"ר מ. גאָטליעב, וועהר נוצליכע וויסענשאַפטליכע ביכער פיר יעדען הויז, ווי אַזוי אויסצומיידען פערשיעדענע קראַנקהייטען און אויך ווי אַזוי זיך זעלבסט צו היילען.

1-טער	טהייל:	די ערשטע הילף ביז דער דאָקטער קומט.	30	קאָפּ.
2 „	„	סיבאָטע (שווינדזוכט).	25	„
3 „	„	מאָגען און געדערם קראַנקהייט.	40	„
4 „	„	מענער קראַנקהייט (סעקרעטנע ווענערישע)	40	„
5 „	„	נערווען קראַנקהייט	15	„

פרייז פיר אַלע 5 טהייל צוזאַמען 1,50 ר' מיט פּאָרטאָ. האַנדגעלד קאַן מען אויך אין פּאָסט-מאַרקען שיקען. בוכהענדלער און צייטונגס-קאָנטאָרען גרויס ראַבאַט.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען:

Книгоизд. Э. Гитлина, Варшава, Наловки, Ивановскій Базаръ.
Verlag E. Gitlin, Warschau, Nalewki, Iwanow Bazar.

עס איז ערשינען: די בעריהמטע דראמא

די שבועה

פון יעקב גארדין.

פרייז 30 קאפ.

עס איז ערשיענען אין 2 גרויסע בענדער די „אידישע ליבערטטא״ א זאמעלבוך פון אלע ליעדער, דעקלאמאציאנען מאנאלאגיען, קאמישע סצענעס, וועלכע ווערדען געשפיעלט אין גראמאפאנען, הערויסגעגעבען אין א העבשט עלעגאנטע אויסגאבע מיט די פאטאגראפיעס פון די בעריהמטע ארטיסטקעס און ארטיסטען אויך נאטען צום טעקסט פון די שענסטע פאלקס-ליעדער צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען אין גראמאפאן געשעפטען.

פרייז פון ערשטען בוך ליברעטטא 60 קאפ.

„ „ צוייטעם בוך „ 80 „

ביידע צוזאממען פארטא פריי.

זיך צו ווענדען אן

КНИЖНЫЙ МАГАЗИНЪ

Э. ГИТЛИНА

Варшава, Налевки (Ивановскій Базаръ).